זיבעצענטער יאָהרגאַנג
№ 36

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG“. • פרייז 20 גראָשען.

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 9 września 1938 | ליכט-צינדען 5.54 | פרייטאג פ׳ תצא י״ג אלול תרצ״ח

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 12

האלאָ וויעלון און אומגעגענד ! ביליג !
די דרוקעריי „פּאָספּיעשנאַ“ פון מ. פּייפער
פלאַץ לשגיאַנוב 14

מאכט איבערראשענד ביליג וואונש-קאַרטען מיט קאָפּערטען.
פיינסטע אויספיהרונג. שנעלע אויספּערטיגונג.

אויף די קומענדע ימים-טובים

עמפפעהל איך אין א גרויסען אויסוואהל ברילען און בינאָקלען פון די נייעסטע פאַסאָנען מיט די בעסטע גלעזער שטרענג אויסגעפיהרט לויט די פּרעסקריפּטען פון די אָקוליסטען.
פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען און אלערליי צוזאַטען, שול-לופּעס, קאָמפּאַסען, אלערליי טערמאָמעטערס ווי אויך שטאָל-אויסאַרבייטונגען עמפּפעהלט צו ביליגע פּרייזען

OPTYK MEDICAL Z. Erner
II-ga Aleja 31.

לעצטע וואָרנונג.

איך וואָרען צום לעצטען מאָל דעם ה׳ ישראל יוסף בראַנדעס אָגראָדאָווא 6, דאס אויב ער וועט נישט אויסגעבען ביז דינסטאג, דעם 13 ד. ח. א ציגעניש וועגען דער צייט און כאַראַקטער פון מיין ארבייט ביי איהם, וועל איך דעם ענין איבערגעבען צום ארבייטס-אינספּעקטאָר און די פּראָגנאָסטיקאָרטליכקייט פאר די עווענטועלע פאָלגען טראָגט אויסשליסליך ער און מיין געוועזענע מיטאַרבייטערין פרל. שפרה בראַנדעס, וועמען ער האט אָבגעשריבען די אגענטור און וועלכע אינטריגירט איהם געגען מיר צוליעב נישט-ריינע כוונות.

דעם וועג האב איך אויסגעקליבען דערפאר, ווייל די אינטערוועניץ פון משפחה-מיטגלידער און פריוואַט-בעקאַנטע האט נישט געפועל׳ט, ווי אויך ווען איך האב איהם צוויי מאָל גערופען צום ראַבינאַט, האט ער אָבגעזאָגט צו קומען, דערקלערענדיג דעם ראַבינאַט-שליח, אז איך קען טהון וואס איך וויל.

אַסעקוראַציע-אַגענט נ. סלאָמניצקי
גאַרנצאַרסקא 23.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na kursy — lekcje pojedyncze
codziennie od 10 rano do 9 wiecz.
יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע פאר יודישער גוזעלשאַפט. אָנהויב 7.30 אווענד. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

די גבאים פון דער חברה
„סומך נופלים“
מאַכען בעקאַנט, דאס הייאָהר ווערט געדאַוונט
אין די ימים נוראים
מיט די בעסטע בעלי-תפלות
אין זאַל פון „מכבי“ קאַטעדראַלנאַ 13.
בילעטען פאַר פרויען און מענער שוין צו בעקומען ביי ה׳ א. שרער, גאַריבאַלדי 22 פון 2—7 נאַכמ.
בעמערקונג: ערב ראש-השנה וועלען די בילעטען זיין צו בעקומען אין לאָקאַל פון „מכבי“ פון 10 פריה

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ“
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פּרייזען אויף בעטיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט.
ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

הערצליכען מזל-טוב
הערשאפט אירענא און וולאַדיסלאַוו שעראַדזקי
ווי אויך די עלטערן — הערצליכע וואונשען
יחזקאל דאַווידאָוויטש און פרוי

סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין, אַלעע וואָלנאָשטשי 3—5

עפענט א 4-מאָנאַטיגען דערגענצונגס - קורס פאַר סוחרים און האַנדעלס - אַנגעשטעלטע

איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס אין דער קאַנצעלאַריע פון פעראיין פון 4 ען ביז׳ן 18-ען וועשען ה. י. טעגליך פון 7 ביז 9 אָווענד, אויסער שבתים

פּייערלעשער - זאַל — נאָר 3 פאָרשטעלונגען !
די מייסטערין פון דער יודישער ביהנע
אידאַ קאַמינסקא
מיט איהר ערשטקלאַסיגען אַנסאַמבל לויט א״ב: אַלטבוים, גאָלדענבערג, גינצבערג, דאַמב, הערבסט, רות טורקאָוו, מייסלער, מעלמאַן, נאַטאַן, קאָמאַי, קורלענדער.
טרופּע-רעזשיסער: ד. העלמאַן.
שבת, דעם 10 ד. ח. 4 נאָכמיטאָג (צו ביליגע פרייזען)
און זונטאָג, דעם 11 ד.ח. 9-15 אָווענד
פּיעסע אין 4 אַקטען פון מאַקס בוימאַן. — איבערז. פון ס. ווינשטאָק
גליקל האמעלן (איך פאָדער גערעכטיגקייט)
שבת, ד. 10 ד.ח. 9-15 אָווענד
מירעלע אפרת
דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: איוואָ גאַל און פריץ קליינמאַן. — ביהנע-פּערזאָרגער: ה. גאָלדזאַדער.
בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאַן, שבת פון 11 פריה אין קאַסע.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

ביי **הרב וועלטפרייד גאַריבאַלדי 28**
זענען דאָ צו פערדינגען פּלעצער פאַר פרויען און מענער צום דאַווענען די ימים-נוראים וסוכות
עס וועלען דאַווענען גוטע, חשוב׳ע בעלי תפלות.

פון זונטאָג, דעם 11 ד. ח.
ווערען אין דער **בייער שוהל פערדינגען שטעט**
אויף **ימים נוראים**
דאס ביוראָ איז טעטיג טעגליך (חוץ פרייטאָג און שבת) פון 5 ביז 8 א זייגער אָווענד. זונטאָג אויך פון 10 ביז 1 מיטאַג.
מען בעט אַלע, וואס ווילען ווידער דינגען זייערע פאַריעהריגע שטעט, זיי זאָלען זיך מעלדען ביז׳ן 18-טען ד. ח., ווייל שפּעטער וועט מען די דאָזיגע שטעט פערדינגען אַנדערע.
די פערוואַלטונג פון דער **בייער שוהל.**

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

אין פרעכטיגען לאָקאַל פון „מזרחי“ אַלעע 10
ווערען פערדינגען פּלעצער פאַר **פרויען** אויף די **ימים = נוראים**
עס וועלען דאַווענען די בעסטע בעלי-תפלות.

פוטער
צום קומענדען סעזאָן בעזיץ איך א גרויסען אויסוואַהל פון
אַלערליי פוטער
צו צוגענגליכע פּרייזען
י. ריכטער, ווארשאווער 10
ערשטער שטאָק, פראָנט
קומט און איבערצייגט אייך !

ZARZĄD TOWARZYSTWA DOBROCZYNNOŚCI dla ŻYDÓW
zawiadamia, że dnia 18-go września r. b. o godzinie 17-tej w pierwszym terminie, a o godzinie 18-tej w drugim terminie w lokalu Stowarzyszenia Przemysłowców i Kupców przy ulicy Aleja Wolności № 3—5 odbędzie się
Ogólne Roczne Zebranie
członków Towarzystwa Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie.

צו די תנאים פון ה׳ **מאיר טעסטילער** מיט פרל. **בראָניאַ בערקאָוויטש** א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט.
ווינשען **חיים ווינהאָלץ** און **פאַמיליע.**

WOLF KELCIGŁOWSKI
RUTH KELCIGŁOWSKA
urodzona Hecht
zaślubieni
Gdańsk 6-go września 1938 r. Łódź

לחברנו **אברהם אופמן ורעיתו** לרגלי הולדת להם **בן**
אנו מברכים שתזכו לגדלו ליהודי נאמן לעמנו, ארצנו ותורתנו
יצחק מאיר הולנד ורעיתו
יוסף טאָביאַש ורעיתו

בינם האָפמאַן — באַשע האָפּפּער
חתונה געהאַט
טשענסטאכאוו, אין סעפּטעמבער 1938.

אונזער ליבען זוהן **בינם**
צו זיין חתונה מיט פרל. **באַשע האָפּפער**
די הארציגסטע ברכות
עלטערן

בינם ובשקה
ליום כלולותיכם
קבלו את ברכותינו הלבביות
דבורה, הרצקו
ומשפחת שפילברג
תל-אביב 4 ספטמבר 1938.

אונזער ברודער **בינם**
צו זיין חתונה מיט פרל. **באַשע האָפּפער**
א הארציגען מזל - טוב און די ליבע עלטערן פיעל נחת ווינשען
יאַקוב האָפּמאַן און **פרוי**

מזל-טוב און פיעל נחת ווינש איך מיינע ליעבע עלטערן צו דער חתונה פון מיין ליבען ברודער **בינם** מיט פרל. **באַשע האָפּפער**
דעם יונגען פּאָר—פיעל גליק
הלל אָפּמאַן

אונזער שוועסטערן-זוהן **בינם האָפּמאַן** צו זיין חתונה מיט פרל. **באַשע האָפּפער** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
די עלטערן פיעל נחת ווינשען
בעלאַ און מענדיל רעכניץ.

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזערע געעהרטע אייגענטימער ה׳ **בעריל האָפּמאַן** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן **בינם** מיט פרל. **באַשע האָפּפער.** דעם יונגען פּאָר — פיעל גליק
דאס פערסאָנאַל פון דער פירמע ב. האָפּמאַן, אַלטער מאַרק 31

צו דער חתונה פון אונזער ברודערן-זוהן **בינם האָפּמאַן** מיט פרל. **באַשע האָפּפער** א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק
די עלטערן פיעל נחת ווינשען
מלך זלאָטניק און פאַמיליע

אונזער ברודערן-זוהן **בינם האָפּמאַן** צו זיין חתונה מיט פרל. **באַשע האָפּפער** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
די עלטערן—פיעל נחת ווינשען
לייזער פיירמאַן, פרוי און פאַמיליע

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטערן-זוהן **בינם האָפּמאַן** מיט פרל. **באַשע האָפּפער** מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט, די עלטערן—א סך נחת ווינשען פון טיעפען הארצען
אברהם ריפשטיין, פרוי און פאַמיליע

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אז איך האָב געעפענט
א געוועלב פון מאַנופאַקטור און פון מאַנופאַקטור=רעשטעז
פערשידענע גאַטונגען צו זעהר ביליגע פרייזען.
י. א. וואַטענבערג, אַלעע 8
אין הויף, רעכטס, א געוועלב.
בעמערקונג: מיין געשעפט איז שוין פערזעהען צום ווינטער-סעזאָן מיט
רעשטען פלאַנעל, זאַמש און סאַמעט.

מיר געמען אנטייל אין גרויסען צער פון אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד **יחיאל מסטאָווסקי** און **פרוי** צוליעב׳ן טראגישען טויט פון זייער ליעב טעכטערל
לושאַ ב״ע
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
די פערוואַלטונג פון **פריזיער=צעך** אין טשענסטאָכאָוו

תיקון טעות.

אין נעקראָלאָג פון רבקה ברײַנדל גאַנצוויַיך נ״ע אין פאָריגען נומער איז אריינגעפאַלען א טעות. אנשטאט דעם 30-טען סעפּטעמבער דאַרף זיין דער 30-טער אויגוסט.

צו די שלשים פון דניאל דזיאלאוויטש נ"ע

שמואל קאץ.

ווער קען איהם פערטרעטען?

א ריעז איז געפאלען.

אנדערש קען איך איהם נישט באצייכענען.

ער האט נישט אנגעהויבען ארבייטען אויפ'ן געזעלשאפטליכען געביעט, ווי פיעל אנדערע, פון דער אריהסטער יוגענד אן. ער איז געקומען צו אונז, אין אונזערע האנדווערקער רייהען, אין די שפעטערע יאהרען, שוין אלס רייפער מענש. אבער גלייך ווי ער האט זיך נאר באוויזען האט מען אין איהם דערקענט דעם ריכטיגען מענש אויפ'ן ריכטיגען פלאץ, דעם גלענצענדען ארגאניזאטאר אויף אלע געביעטען פון האנדווערקער לעבען.

ער האט שנעל, גאר שנעל גענומען שטייגען אויפ'ן לייטער. באלד זעהט מען איהם אלס גוטען פארשטעהער אין דער ק. ק. א., מיט וועמענס מיינונג מען האט זיך שטארק גערעכענט, אלס דאזאר אין דער קהלה, אלס פרעזעס פון דער געזעלשאפטליכער שוץ ביי דער גמינע, אויף וועלכען אמט ער האט זעהר א סך אויפגעטהון פאר דער היגער יודישער אימער בעפעלקערונג. אין די קהלה-קרייזען האט מען צו איהם געהאט טענות, אז ער מאכט לעכער אין בודזשעט, אבער ער האט געהאט א ווארים יודיש הארץ פאר די ליידען און נויט פון דער ארימער יודישער בעפעלקערונג און זיך וויינענדיג גערעכענט מיט די טענות און געטהון אלץ, וואס איז נאר מעגליך געווען צו ענדערען די לאגע. ער האט זיך נישט בעפרידיגט דערמיט און איז אליין געגאנגען איבער די שטיבען און קעלערן און געזאמעלט ידיעות פון דער יודישער נויט.

דיקטאטאר האט מען איהם גערופען אין די האנדווערקער קרייזען.

אמת, אבער נישט פון טיפ מין, וועלכע וואקסען אן פחד. ער האט זיינע מיט מענשען, מיט חברים, נישט אנגעווארפען מיט געוואלד, מיט כח זיין מיינונג. אין דעם זיין האבען איהם פיעל שלעכט פערשטאנען. ער האט בלויז פון זיין פערזענליכען איך געוויזען אנדערע א מוסטער, ווי אזוי צו האנדלען, צו טהוען. מיט זיין פונקטליכקייט און גענויאיגקייט האט ער אלעמען געמאכט שטויגען. ער האט בלויז אנדערע געלערנט, ווי אזוי א האנדווערקער דארף לעבען. ער האט געפרובט אויסוואָרצלען דעם אלטען בעגריף פון „עמך", וואס הייסט שפלדיגקייט, נעפאלענקייט און געוואלט זעהען אין יעדען האנדווערקער-יחיד א שטאלצען, אונטערהענגיגען מענש מיט ווירדע און שטאלץ, ווי ער אליין איז געווען. ער האט געוואלט, אז יעדער האנדווערקער זאל פון זיין מלאכה פיהרען א בכבוד'יג לעבען און נישט מעהר דארפען זיך איינבעטען און בוקען פאר יעדען איינעם.

מאנכע מאכען און ארימקייט א טוגענד. פיעל פון אונז גלאריפיצירען די ארימקייט ווי עפיס א זאך, וואס מוז זיין. ער אבער האט געהאט א פערקעהרטע מיינונג. מיט'ן שטארקען ווילען און אפטימיזם דארף יעדער און ספעציעל דער האנדווערקער, זיך ארויסשלאגען די ארימקייט אלס ווייטען און שטרעבען צו א בעסער, שענער, זעלבסטשטענדיג לעבען.

ער האט שטענדיג געזאגט: רעספעקט פאר דער האנדווערקער ארגאניזאציע. און רעספעקט קען מען נאר האבען דאן, ווען מען האט פאר איהר פליכטען. וואס מעהר פליכטען — אלץ מעהר פערלאנגען.

ער האט געוואלט און געשטרעבט, אז די האנדווערקער-ארגאניזאציע זאל פאר יעדען זיין א צווייטע היים, א ווארימע היים, וואו יעדער האנדווערקער זאל זיך טיילען מיט זיינע ליידען און פריידען. און האט ער געזעהען עפיס פרישעס, עפיס א נייע זאך אין לאקאל, האט ער זיך געפרייט ווי א קליין קינד. געווען שטארק צוגעבינדען און מיט'ן גאנצען הארצען אויפריכטיג און ערליך איבערגעגעבען דער האנדווערקער-זאך.

א טעות האבען געהאט די יעניגע, וועלכע האבען איהם געהאלטען פאר א שטייפען, גייסט-צוטריטליכען מענש. אזא ווארים הארץ פאר פרעמדע צרות, ליידען און נויט — איז זעלטען צו געפינען צווישען אונזערע פאטענטירטע כלל-טהוער. זיין הויז איז געשטאנען פריי און אפען אין יעדער צייט פאר אלעמען. ער האט נישט געהערט צו דעם מין געזעלשאפטליכע טהוער, וועלכע זאגען צו און טהון גארנישט. ער האט קיינעם נישט צוגעזאגט, אבער געטהון האט ער פאר אלעמען, און א סך געטהון, איבער די יכולת. אויף דעם קענען עדות זאגען די צענדליגער און הונדערטער מענשען, וועמען ער האט, אהן געשריי, אהן געוויש, שטעדיג געדינט מיט זיין טהאט.

פאליטיק, דיפלאמאטיע, איז איהם ווייניג אנגעגאנגען. ער האט קיינמאל נישט אנטייל גענומען אין די אידעאישע דיסקוסיעס צווישען רעכטס און לינקס. פאר זיינע אויגען האט בלויז שטענדיג געשוועבט דאס עקאנאמישע בילד און ווירטשאפטליכער מצב פון דער ארגאניזאציע. א גוטע ווירטשאפט, א גלענצענדע ארגאניזאציע, סטאבילע הכנסות, א שטארקע דיסציפלינירטע מאסע — דאס איז געווען זיין אידעע.

ער האט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען אויך געדענקט אין יעדער קלייניגקייט, אין יעדען פרט און געהייסען זיך קובר זיין ביי זיין פערשטארבענעם חבר אברהם דזיאלאווסקי, ווייל דארט איז זיין פלאץ, דארט בעלאנגט ער, ווייל דארט וועט זיך איצט שאפען די סימבאלישע אלעע פון די פערדינסטפולע טהוער און עסקנים.

מען דארף באמת האבען אייזערנעם ווילען צו קענען אין די לעצטע מינוטען פאר'ן טויט טרייסטען די ארומיגע און גענוי אלץ אנצייכענען אויף ווייטער. און ווען איך זאל נאך צוגעבען, אז ער האט אזוי שטארק ליעב געהאט דאס לעבען, אז ער האט אזוי גערן געוואלט לעבען, אז ער איז געווען אזא גרויסער אפטימיסט — קומט דאס בילד ארויס נאך בולט'ער נאך שטארקער.

ס'איז פאר מיר געווען א גרויסער כבוד איהם צו האבען פאר א פריינד און דאס בעוואוסטזיין, אז ער איז שוין מעהר נישטא צווישען די לעבעדיגע, מאכט דעם ווייטאג, דעם שמערץ נאך גרעסער.

ווען איך טראכט איצט, אז אין אזא פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט האט ער אזויפיעל אויפגעטהון, וואס וואלט ער נאך געקאנט לייסטען, ווען ער וואלט נישט אין די בליהענדע יאהרען איוועקגעריסען געווארען פון אונז. דער דאזיגער, וואס איז אזוי פריה אויסגערריסען געווארען, איז א שווערער קלאפ פאר דעם היגען האנדווערקערטום, וועמען ער האט אזוי טריי געדינט.

ווען מיר וועלען גיהן אין זיינע דרכים, ווי זיין ווילען איז געווען צו זעהען דעם בעל-מלאכה, דעם האנדווערקער אלס שטאלצען מענש — וועט אויך די אבידה פאר אונז זיין א לייכטערע.

לאמיר וועגען דעם געדענקען.

ש. פראנק

ער איז מעהר נישטא

דער שעהנער עלעגאנטער מענש, וואס האט זיך גערופען דניאל דזיאלאוויטש לעבט נישט מעהר. דער רעפרעזענטאנט פון די יודישע האנדווערקער-מאסען אין דער קהלה, גמילתחסדים קאסע, ק.ק.א. און נאך א רייהע אנדערע אינסטיטוציעס, איז שוין מעהר נישטא. ער איז פערשניטען געווארען אין די בליהענדסטע יאהרען פון זיין לעבען; געקומען א שרעקליכער שטורם און אויסגעריסען א הערליכען בליהענדען בוים.

א גרויס אומגליק איז געשעהן. אנ'אומגליק, וואס האט נישט קיין טרייסט און קאן נישט געפינען קיין בערוהיגונג.

און נישט נאר די האנדווערקערמאסען בעוויינען דעם פריהצייטיגען טויט נאר די אלע, וועלכע האבען איהם געקענט און זיך צוגעקוקט צו זיין געזעלשאפטליכער ארבייט וויינען און בעדויערן הארציג דעם הערליכען, אריגינעלען טיפ—דניאל דזיאלאוויטש.

זעלטען צו געפינען א מענשען מיט אזא אייזערנעם ווילען און גראדליניגקייט, ווי דער פערשטארבענער. איך האב איהם געזעהן ביי דער ארבייט אין האנדווערקער פערבאנד ווי אויך אלס דאזאר אין דער קהלה. דיקטאטאר האט מען איהם גערופען, פאקטיש אבער איז ער געווען א שטארקער אנהענגער פון דיסציפלין, די געזעלשאפט בעפאר אלעמען. אין דער קאנצעלאריע פון האנדווערקער-פערבאנד קאן ארײן נאר דער אינטערעסאנט, אבגעפערטיגט זיך, מוז ער פערלאזען, כדי צו מאכען פלאץ פאר אנ'אנדערען אינטערעסאנט. אויף גלאט שמועסען איז דא א זאל, א קארידאר, אדער דער בופעט. אין סעקרעטאריאט מוז מען ארבייטען, די האנדווערקערמאסען, האבען פיעל זאגות. יעדער קומט מיט זיין וועהטאג, מוז דער סעקרעטאריאט ארבייטען שטיל, אהן שטערונגען. און טאקטיש האט בעת זיין „דיקטאטארישער" פיהרונג אין האנדווערקער-פערבאנד געהערשט א מוסטערהאפטע ארדנונג. סיי די ארבייט אין סעקרעטאריאט סיי די פינאנסען זענען געווען אויף דער געהעריגער הויך פון די אויפגאבען.

אויך אין דער קהלה-פערוואלטונג איז דניאל דזיאלאוויטש געווען זעהר טעטיג. ער האט זיך נישט געשפיעלט אין אפאזיציע לשם אפאזיציע, ער איז געווען א שליח פון זיין ארגאניזאציע און דאס שליחות האט ער אויסגעפיהרט בשלימות; ער האט נישט געוואלט וויסען פון קיין שום דיפלאמאטישע שפיצלעך, פאר זיינע אויגען האט ער שטענדיג געהאט נאר די נויט פון זיינע וועהלער, פון די האנדווערקער-מאסען און דאס איז געווען זיין אויפגאבע. ער האט מיט עקשנות'דיגען ווילען אדורכגעזעצט זיינע פאדערונגען דאמאלס, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער טובה פון זיין ארגאניזאציע אבער זאגאר פון א יחיד. ער איז אליין געווען א דיסציפלינירטער שליח צבור פון זיין עדה און די דאזיגע דיסציפלין האט ער אויך געפאדערט פון אנדערע.

דניאל דזיאלאוויטש איז געווען איינער פון די געצעהלטע עוסקים בצרכי צבור באמונה. ערנסט, אהן שום אייגענווצען, האט ער שעה'ן און טעג, אברייסענדיג זיך פון זיין פריוואטע בעשעפטיגונג זיך אבגעגעבען מיט כלל-ארבייט. האט ער געוואוסט, אז יענער נויטיגט זיך וועגען עפעס, צי דאס איז געווען אין דער קהלה, גמילת חסדים קאסע וואו ער איז געווען א פערוואלטונגס מיטגליד אדער אין דער ק. ק. א., וואו ער איז געזעסען לאנגע יאהרען, האט ער עס אדורכגעפיהרט מיט זיין עקשנות און אייזערנעם ווילען.

אין מיטען פון זיינע בליהענדע יאהרען, אין מיטען פון זיין פרוכטבארער ארבייט, האט דער גרויזאמער טויט איהם אוועקגעריסען אויף אייביג.

א שעהן בלעטיל האט דער נפטר זיך איינגעשריבען אין בוך פון געזעלשאפטליכער ארבייט. שעהן, ציכטיג איז ער געווען אויפערליך—ערליך און געוויסענהאפט איז געווען זיין קהל-ארבייט און אפילו געשטארבען איז ער שעהן, ער האט זיך געהייסען בעגראבען נעבען דעם קבר פון זיין חבר אברהם דזיאלאווסקי ז"ל.

ארז נפל, א געזונדער שטארקער טענענבוים איז געפאלען, אויסגעריסען געווארען מיט'ן ווארצעל; א בוים, וועלכער האט זיך נישט געבויגען פאר קיינעם, נישט געזונגען מה יפית, נאר שטאלץ און ווירדיג רעפרעזענטירט זיין עדה.

דער וועהטאג איז גרויס, דאס הארץ וויינט אויף דעם גרויסען אומגליק.

ער איז מעהר נישטא.

א הזכרה צו די שלושים פון דניאל דזיאלאוויטש ז"ל

נעכטען, דאנערשטאג, צו די שלושים פון געזעלשאפטליכען עסקן און האנדווערקער-טהוער דניאל דזיאלאוויטש ז"ל זענען א גרויסע צאהל האנדווערקערטהוער צוזאמען מיט דער פאמיליע פון פערשטארבענעם ארויסגעפאהרען אויפ'ן בית עולם, וואו ס'איז ביים קבר אבגעריכט געווארען א הזכרה.

די הזכרה האט אבגעריכט דער שטאדט-חזן ה' כאלעווא.

נאכ'ן טויט.

דער טויט איז אזוי נאהענט צונויפגעבינדען מיט'ן מענש. דאס אבשטארבען פונ'ם נאהנטען ווערט גאך א קורצען אדער לענגערען טרויער בעהאנדעלט ווי א נויטווענדיגקייט.

פערהאנען מענשען, וואס אפילו דער געדאנק פון טויט האט נישט קיין שליטה צו זיי און עס איז שווער זיך פארצושטעלען, דאס די דאזיגע מענשען זאלען נישט לעבען. צו די לעצטע האט געהערט דער פערשטארבענער דאניעל דזיאלאוויטש. דאס מעהרסטען כאראקטעריסטישע אין איהם איז געווען די נישט דורכשניטליכע לעבענסענערגיע.

יעדע ארבייט מיט וועלכער ער האט זיך פערנומען האט בעהערשט זיין גאנץ וועזען און מיט אונבעשרייבליכע איבערגעגעבענהייט די ארבייט אויסגעפיהרט.

יעדע געזעלשאפטליכע ארבייט בכלל און האנדווערקער - טעטיגקייט בפרט האט ער נישט בעהאנדעלט אויבערפלעכליך, נאר מיט זיין גאנצער נשמה.

יעדען ערפאלג אין זיין געזעלשאפטליכער ארבייט, האט ער געהאלטען ווי זיין פערזענליכען ערפאלג. האט ער געהאט די מעגליכקייט צו פערשאפען וועלכע עס איז נוצען דער ארגאניזאציע, איז די פרייד זיינע געווען א אונבעגרעניצטע, נישט ווייניגער ווי עס וואלט זיך אין זיין פערזענליכען גוצען געהאנדעלט.

ער האט קיינמאל נישט געארבייט פאר כבודים, ער האט קיינמאל נישט בעהאנדעלט זיין געזעלשאפטליכע ארבייט אלס א שפרינג-ברעט צו עררייכען כבוד, נאר שטענדיג געארבייט לשמה. דער גוטער רעזולטאט פון זיין טעטיגקייט איז געווען זיין העכסטע בעפרידיגונג.

אין דער ארגאניזאציע איז ער אומעטום געווען, אלץ באהערשט, אומעטום האט זיך געפיהלט זיין אנוועזענהייט.

און דערפאר איז אזוי שווער צו פערשטעהן, אז ער לעבט שוין נישט; אזוי שווער צו פערשטעהן, אז אזא לעבענס ענערגיע האט געקאנט אבשטארבען.

מגר. ז. ראזענצווייג.

א טרויער-אקאדעמיע צו די שלושים פון דניאל דיאלאוויטש ז"ל

מאגען, שבת האלב 8 אוועגד קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקערפערבאנד א טרויער-אקאדעמיע צו די שלושים פון פערשטארבענעם האנדווערקער-טהוער און געזעלשאפטליכען עסקן דניאל דזיאלאוויטש ז"ל.

צום אנדענקען פון האנדווערקער-טהוער דניאל דזיאלאוויטש ז"ל

דער קאמיטעט, וואס איז געשאפען געווארען ביים האנדווערקער-פערבאנד צו פעראייביגען דעם נאמען פון פערשטארבענעם האנדווערקער - טהוער דניאל דזיאלאוויטש האט בעשלאסען: א) דאס פרעזידיום צימער פון האנדווערקער - פערבאנד זאל אנגערופען ווערען אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם און עס זאל איינגעמויערט ווערען א מארמארענע טאוועל מיט דער געהעריגער אויפשריפט, ב) אין פערלויף פון יאהר זאל געשאפען ווערען א פאנד א סטיפענדיום פאר א נישטפערמעגליכען שילער אין דער האנדווערקער-שולע.

דער קאמיטעט וועט זיך בעמיהען, אז אויך אין יודישען שפיטאל זאל פעראייביגט ווערען דער נאמען פונ'ם פערדינסטפולען כלל-טהוער און האנדווערקער-עסקן.

„סאָציאַליזם“ אויפ'ן יודישען חשבון

(קלאַנגען און אָבקלאַנגען)

פון לעא קעניג

צי מאַרקס, צי בעבעל האט עס געזאגט, נאר אמת איז, אַז דער „דער אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים“.

דער נישט ענטוויקעלטער, צי אפילו דער האַלב-געבילדעטער יחיד זעהט אַלע אונגערעכטיגקייטען און אומגליקען אויף דער שוועל פון זיין שכן. און ווען „גאָט העלפט“ און דער שכן איז א „פרעמדער“ און א יוד דערצו — איז איהם דאך אוודאי גרינג אַלע סאָציאַלע אומגליקען צוצושרייבען אויף דעם פרעמדען שכנ'ס חשבון.

דער ערשטער סימן מובהק פון א פרימיטיווען מענשען, פון א מענשען, וועלכער דענקט נישט און לעבט נאָר מיט זיינע נאַטירליכע און גע'ירשנטע אינסטינקטען איז זיין חשד צום פרעמדען.

א מענש וואס לעבט נישט אין גאַנצען ווי ער איז, איז שוין פון איהם פערדעכטיג. ווען עפיס געשעהט אין אייער גאָס (אין יעדער גאָס) פאלט דער חשד פון די שכנים אינסטינקטיוו גלייך אויף דעם „פרעמדען“ אין גאָס.

דער דורכשניטליכער מענש — און אפילו דער היינטיגער דורכשניטליכער מענש, מיט זיין עלעמענטארער בילדונג, קינאָ און ראַדיאָ — איז נאָך נישט פעהיג צו דענקען ראַציאָנאַל; ער לעבט נאָך אַלץ ס'רוב מיט זיינע אינסטינקטען און גע'ירשנטע קאָנווענציעס און איבערגלויבענס.

ער זעהט קיין סיסטעמען נישט, נאָר הויפטזעכליך זיין שכן.

און מאכט זיך א קריזיס, געהט איהם שלעכט אין זיינע געשעפטען, הויבט ער אָן קוקען מיט א ענג און קאַרג אויג אויפ'ן שכן בעזונדער אויב דעם לעצטען געהט בעסער.

דאס איז גילטיג בנוגע אַלע האַלב ענטוויקעלטע און האַלב געבילדעטע מענשען, אָבער נאָך מעהר גילטיג איז עס בנוגע דעם אזוי גערופענעם מיטעלקלאַס בנוגע דעם „קליינעם מענשען“ וועמענס גאַנצע „סאָציאַלע עקאָנאָמיק“ בעשטעהט אין דער קאָנקורענץ מיט זיין שכן קרעמער.

זיין שכן וועמען עס געהט בעסער שניידט די פרייזען, שווינדעלט א. אז. וו. או זיין שכן איז קלוגער און פעהיגער פון איהם איז נישט אזוי לייכט מודה צו זיין. און זעהן די גאַנצע סיסטעם אין אָרדנונג — קלעקט א המ קיין אינטעלעקט נישט. און או דער שכן איז נאָך א פרעמדער, נישט קיין בירגער פון דור דורות ווי ער און בעלאַנגט נאָך צו אַנ'אַנדער רעליגיע, איז דאָך „אוודאי פערשטענדליך“, אַז ער איז א שווינדלער, אַז ער גראַבט אונטער דעם מסחר, אַז אַלע צרות קומען פון איהם און נאָך אזעלכע פרעמדע.

„זוך דעם פרעמדען, זיי חושד דעם פרעמדען“ — דאַס זענען די פרימיטיווע אינסטינקטען, וועלכע געוועלטיגען נאָך בייס רוב מענשען. פון אַלע פעלקער און אפילו פון אַלע קלאַסען — אין א פיעל קלענערע מאָס צווישען די מאָדערנע אַרבייטער, וועלכע ווייסען קנאַפּ וואָס פון אינדיווידועלער קאָנקורענץ; און אין אָהן אנ'ערך גרעסער מאָס צווישען די עקאָנאָמיש העכערע קלאַסען, וועלכע קאָנקורירען שטענדיג צווישען זיך.

„זוך דעם פרעמדען, וואַרף חשדים אויף דעם פרעמדען“.

און ס'איז קיין חילוק נישט ווער דער פרעמדער איז: דער יוד איז ווי געוואוינשען דערויף — ווייל ער איז דער טראַדיציאָנעלער „שעיר לעזאזל“. אָבער ווען ס'זאָלען נישט זיין קיין יודען, וואלט מען אפשר אַנדערע „פרעמדע“ אויסגעפינען.

„זעהסט א פרעמדען היט זיך, וואַרף אויף איהם א שטיין“ דאס איז א פרימיטיווער מענשליכער אינסטינקט פון וועלכען פעלקער — און אַלע פעלקער! — וועלען זיך אזוי גיך נישט בעפרייען. דער דור דעה, א ראַציאָנאַל דענקענדע מענשהייט איז נאָך אַלץ די גרעסטע אוטאָפּיע. א סך מאָל אינטריגירט טאַקע די פראַגע: וואָס פאַר א פאָלק וואָלט געוואָרען דאס „אויסדערוועהלטע פרעמדע פאָלק“ ווען עס זענען קיין יודען חלילה נישטאָ אויף דער וועלט?

וואָלטען עס געווען די אירלענדער, שאָטלענדער, אָדער וועלכעס איז אַנדער פאָלק מיט א סימן פון גלות, מיט א עטוואָס אַנדערען גלויבען?

נאָר דער בעגריף „פרעמדער“ איז רעלאַטיוו ווי אַלע אַנדערע בעגריפען און מען וואָלט שוין די „מציאה“ געפינען. כל זמן פעלקער און מענשען וועלען לעבען מיט פרימיטיווע אינסטינקטען און פאָליטישע פּאַרטייען וועלען זיך רעמאַגאָגיש בויען אויף פרימיטיווע מאַסען אינסטינקטען, וועט מען געפינען פרעמדע אפילו ווען קיין יודען וועלען נישט זיין. אָדער ווען יודען וועלען האָבען א מעכטיגע מלוכה, וואָס וועט קענען בעשיצען איהרע שטאָלצע בירגער, וואו זיי זאָלען זיך נישט געפינען.

און די ביידע לעצטע פאַלען איז גלייך שווער זיך פאָרצושטעלען. איז דעריבער גאָר קיין וואונדער נישט, וואס אין א וועלט מיט נאַראָנים האט „דער סאָציאַליזם פאר נאַראָנים“ (דער אַנטיסעמיטיזם), אזא ריזיגען קאַטאַסטראָפאַלען ערפאָלג. און ס'איז ליידער גענוג קלאָר פאר וואס דער דעמאַגאָגישער פאשיזם — איינגעשלאָסען שוין מוסאָלינין! — שפּילען אויף דער פאָלקשער גרילצענדער סטרונע פון „פרעמדע“ און „ראַסיזם“.

ס'איז דאָך דער פּאָפּולערסטער מאָטיוו אין זייערע פּראָגראַמען, די זיכערסטע קאַרט אין זייער אזאַרטנער שפּיל פאר מאַכט, אַמביציע און אימפּעריאַליזם.

אָבער לעצטענס ווערט אַלץ בולטער אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט נאָר „דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים“ נאָר אויך דער סאָציאַליזם פון דער „קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזער געזעלשאַפט“.

די בורזשואַזע געזעלשאַפט (אפילו די פרייע) איז נישט נאָר גרייט צו שטיצען דעם פאַשיזם אַבי צו ראַטעווען זיך פון סאָציאַליזם, נאָר זי איז אויך גרייט צו מקריב זיין א טייל פון איהר קאַפּיטאַל — דעם יודישען — אַבי צו ראַטעווען די גאַנצע סיסטעמע. די בורזשואַזע געזעלשאַפט, וועלכע היט אזוי שטאַרק און אייפריג די אינטערעסען פונ'ם פּריוואַטען קאַפּיטאַל, און איז שטאָל און אייזען געגען יענע נאַציאָנאַליזאַציע און עקספּראָפּריאַציע פונ'ם יודישען קאַפּיטאַל אין דייטשלאַנד און עסטרייך (און אפשר אויך אין איטאַליען און אונגאַרן אין גיכען).

זי איז גרייט צוצוװאַרפען א „קאַפּיטאַליסטישען ביין“ די הונגעריגע האַלב סאָציאַליסטישע פאַשיסטישע מאַסען.

און אז דער „קאַפּיטאַליסטישער ביין“ איז א יודישער, איז דאָך מה טוב פאר זיי. אַבי זיך און דאס אייגענע גוטס צו ראַטעווען, ס'איז דאָך בעסער ווי א נייער שווערער צינז אויף זייער אייגענעם קאַפּיטאַל.

און דערצו ניט עס דעם איינדרוק אויך די האַלב און פערטיל בעוואוסטזיניגע אַרבייטער מאַסען, אַז דער פאַשיזם איז אויך סאָציאַליסטיש: האט מען עקספּראָפּריאירט דעם יודישען קאַפּיטאַל.

עס קאָן קיין ספק נישט זיין, אַז אויך דער „יודישע פעטער ביין“ וועט נישט ראַטעווען דעם סיסטעם. זי וועט נאָר דאס פאַלען אָבלייגען. אָבער די אמת'ע געפאַהר איז, אַז אויך די אַרבייטער מאַסען, אין די פאַשיסטישע לענדער און איבעראַל, זאָלען דורך אָט דעם נייעם „גרויסמוטיגען“ קאַפּיטאַליסטישען „סאָציאַליזם“ נישט סימפּאַטישער געוואוינט ווערען צום פאַשיזם בכלל.

זעהר ריכטיג און צייטיג האט דער בעוואוסטער ענגלישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט ברייל‌פאָרד אָנגעוויזען, ווי נויטיג עס איז אָט דעם „מאָמענט“ אויפצוקלערען צווישען די אַרבייטער-מאַסען.

„די יודען זאָלען חלילה נישט אוועקגעהן“...

(א געשיכטע מיט א יוגאָסלאַווישע שטאָדט אויף דער עסטרייכישער גרעניץ)

די אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע העצע, וועלכע איז איצט איינינע מאָנאַטען נאָכ'ן „אַנשלוס“, געוואָרען א קוואַל פון פּיין און ליידען פאר די קוים 70 טויזענד יודען אין יוגאָסלאַוויען, צוליב דער וויסטער נאַצישער העצע וואס ווערט דאָרט געפיהרט, האט זיך פערוואַנדעלט אין א מורא, אַז געוויסע יוגאָסלאַווישע פּראָווינצען זאָלען באַלד פערלירען זייער ווערט און די ענטוויקלונג פון איינער א גאָר גרויסער אינדוסטריע שטאָדט זאָל אָבגעשטעלט ווערען אפשר אויף אייביג.

עס האַנדעלט זיך וועגען דער בעקאַנטער שטאָדט מאַריבאַד, די אַמאָליגע עסטרייך-אונגאַרישע מאַריענבורג, וועלכע איז פאר די לעצטע 20 יאהר פון דער בעפרייאונג, זייט זי איז געוואָרען א יוגאָסלאַווישע שטאָדט, אויסגעוואַקסען אין וואונדערבאַרען טעמפּאָ און איז אָנערקענט אַלס איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריעלע צענטערן פון דער נייער, גרויס געוואָרענער סערבישער מלוכה.

צוואַנציג יאהר האט די שטאָדט געלעבט אין אימפּעט פון אַרבייט און גליק, די צענטראַל-רעגירונג אין בעלגראַד, האט געטהון אַלס מעגליכעס, כדי מאַ־ריבאַד זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַנ'אינדוסטריע-שטאָדט, בפרט: מאַנופאַקטור און מאַשינען; וואו הונדערטער טויזענדער אַרבייטער וועלען קומען פון אַלע עקען סערביען און פּרנסה-קוועלען וועלען געשאַפען ווערען פאר מיליאָנען אפשר.

חרוב, אַלט און דערוויטערט פון דער וועלט — אזוי איז געווען מאַריבאַד אין די טעג פון גליקליכען זיעג, ווען דער יוגאָסלאַווישער הערב האט דאָ פערנומען דעם פּלאַץ פון קיסר פראַנץ-יאָזעפס בילד. מען האט געמוזט בויען אַלץ פון אָנפאַנג אָן. מען האט געמוזט „מאַכען“ א נייע שטאָדט אויף א גרעניץ מיט א נייעם לאַנד, מיט'ן קליינעם עסטרייך. די דאָזיגע שווערע אויפגאַבע איז געלונגען פולשטענדיג: מאַריבאַד איז היינט איינע פון די גרעסטע, שענסטע און רייכסטע שטעדט פון יוגאָסלאַוויען.

אָבער — מען ווייס עס גאַנץ גוט: ווער האט עס אַממייסטען בייגעשטייערט צו דער ענטוויקלונג פון אָט דער איצט רייכער און גרויס-געוואָרענער סערבישער שטאָדט? ווער האט דאָ אויסגעבויט די גרעסטע פאַבריקען אין לאַנד? ווער האט דאָ מיט ריזיגע אינוועסטירט מיליאָנען קאַפּיטאַלען און פערשאַפט אַרבייט פאַר הונדערטער טויזענדער אַרבייטער סערבען, וועלכע האבען דערמיט געמאַכט פון דער שטאָדט און פון דער האַלב-סלאָוואַקישער, האַלב דייטשער פּראָווינץ א ריינע סערבישע לאָקאַליטעט?

היינט, ווען ס'האַלט ביי א קאַטאַסטראָפע, ווי מען וועט עס באַלד זעהן, זאָגען עס אַלע, פריינד און שונאים אונזערע; נאָר א דאַנק דער יודישער ענערגיע און שווערע פּראַצע, נאָר א דאַנק דער יודישער אונטערנעהמונגספעהיגקייט און צונויפגעזאַמעלטע קאַפּיטאַלען איז מאַריבאַד געוואָרען די גרויסע אינדוסטריע שטאָדט, וואס זי איז היינט.

קיינער האט אין דעם קיינמאָל, פאַר די לעצטע 20 יאהר, קיין שלעכטס נישט געזעהן חלילה. סוחרים, אַגענטען, טויזענדער אַרבייטער האבען טאָג און נאַכט געבענטשט די יודישע פאַבריקאַנטען, וועלכע האבען גליקליך געמאַכט א גאַנצע פּראָווינץ, אגב: בסך-הכל זענען זיי, די יודען אין מאַריבאַד, נישט מעהר ווי 350 פאַמיליעס און אינדוסטריעלער צווישען זיי זענען העכסטענס צעהן פאַמיליעס.

ס'וואָלט געוויס תמיד אזוי גוט געגאַנגען אַלעמען, יודען ווי נישט יודען. דער מלוכה-אוצר וואָלט ווייטער געזאַמעלט שווערע מיליאָנען פון די שטייערן און אַנדע־רע הכנסות, וואס די אינדוסטריע-שטאָדט מאַריבאַד האט אַריינגעבראַכט.

אָבער דאָ איז געקומען — דער „אַנשלוס“. צוערשט האט מען זיך נישט געשראָקען, כאָטש מען לעבט דאָ, אין מאַריבאַד, האַרט ביי דער נייער דייטשער גרעניץ. דער פּרעמיער-מיניסטער האט געזאָגט, אַז ער „גלויבט אין דער עהרליכקייט פון נייעם נאַצי-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

וועגען וואָס טראַכטען אָרימע יודישע קינדער.

עס זענען שוין געשלאָסען געוואָרען אַלע האַלב און גאַנץ קאָלאָניעס פון „טאָז“. די עטליכע הונדערט קינדער פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד זענען שוין צוריק אין דערהיים ביי זייערע עלטערן און געהן אין די שולען טרוימענדיג וועגען דער גליקליכער צייט, וואָס זיי האָבען פערבראַכט אויף די קאָלאָניעס, וועלען מיר איצט מאַכען א שטיקעל חשבון-הנפש, א סך-הכל פון די אויפטהוען פון „טאָז“.

דער „טאָז“ האט נישט בלויז געגעבען אין משך פון חודש צו עסען אָרימע הונגעריגע קינדער, נישט נאָר בלויז זיי געגעבען די מעגליכקייט צו פערברענגען אויף דער פרייער לופט, נאָר ער האט אויך זיי ערצויגען, זיי געגעבען צו פער־שטעהן, אַז זיי זאָלען ליעב האָבען די נאַטור און גלייכצייטיג ביי זיי איינגעפּלאַנצט דאס געפיהל פון קאָלעקטיווען צוזאַמענלעבען, פון ואהבת לרעך כמוך, פון זאָרגען איינער פאַר אַלע און אַלע — פאַר איינעם.

די יודישע אָרימע קינדערלעך, איבערהויפּט אין די קליינע שטעדטלעך, וואו מען לעבט נאָך מיט די בעגריפען פון פאַר הונדערט יאהר צוריק, בעקומען נישט פון זייערע עלטערן קיין מעגליכקייט זיך צו שפּילען ווי קינדער. מען מאַכט זיי באַלד פון קינדהייט אָן פאַר יודען, מיט פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר עול מלכות שמים.

דערצעהלט מיר דער לייטער פון די קאָלאָניעס ה' ברענער, אַז אין די קליינע שטעדטלעך האָבען די עלטערן פערוועהרט זייערע קינדער, יונגלעך, צו געהן אויף דער „טאָז“ - קאָלאָניע, מחמת דעם, וואָס דאָרט זענען אויך פערהאַנען מיידלעך, וועלען די יונגלעך טראַכטען וועגען די מיידלעך און דאס איז א גרויסע זינד, וואָס זיי, די עלטערן, קאָנען דערצו נישט דערלאָזען. ס'פערשטעהט זיך, אַז עס האט געקאָסט גענוג מיה ביז מען האָט געקאָנט פועל'ן ביי די עלטערן, דאס זיי זאָלען ערלויבען זייערע קינדער צו פערברענגען אויף דער קאָלאָניע.

צומאָרגענס, בעת די קינדער, די יונגלעך מיט די מיידלעך, זענען געזעסען ביים עסען, איז ה' ברענער צוגעגאַנגען צו א יונגעל און איהם געפרעגט וועגען וואָס ער טראַכט, ד. ה. מיט וואָס זיינע געדאַנקען זענען פערנומען, דערויף האט דאס יונגעל געענטפערט, אַז זיין הויפּט געדאַנק איז פערנומען, צי ער וועט בעקומען נאָך א שטיקעל ברויט. זעהט איהר — וועגדעט זיך ה' ברענער צו די אנוועזענדע עלטערן — וועגען וואָס אייערע קינדער טראַכטען, אַז זיי זאָלען האָבען עסען צו דער זעט, אָט דאס ליגט זיי אמשטאַרקסטען אין זינען.

דאָן איז געווען א צרה, וואָס די זעלבע עלטערן האָבען נישט דערלויבט אַז זייערע קינדער, די מיידלעך, זאָלען נעמען קיין אַנטייל אין די פאָרשטעלונגען, ווייל עס איז טעאַטער ר"ל און מען קאָן זיך נאָך חס ושלום פערזינדיגען. די מיידלעך האָבען אָבער גע'חלש'ט, געוואָלט מיט אַלע כחות אַנטייל נעמען אין דער אויפפיהרונג, האָבען זיי געמוזט פיהרען א קאַמף מיט די עלטערן, זיי אָבנאַרען און שפּעטער, ווען די עלטערן האָבען זיך דערוואוסט, אַז זייערע קינדער האָבען דאָך געשפּילט „טעאַטער“, האט זיך געטהון חושך.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך נאָך דערצעהלען א כאַראַקטעריסטישען פאַקט: אין טרוסקאָלאַס, וואו די ענדעקעס האָבען אין משך פון די לעצטע יאָהרען געזייהט שנאה און האַס, האָבען די קריסטליכע קינדער נאָך פאַראיאָהרען געוואָרפען שטיינער אויף דער יודישער קאָלאָניע. היי-יאהר אָבער האָבען די קריסטליכע קינדער זיך שוין גע'חברט מיט די יודישע קינדער, געקומען אויף דער קאָלאָניע און זאָגאָר מיטגעזינגען די יודישע לידלעך.

אָט דאס האט בעוויזען דער „טאָז“, וואָס ס'איז ווערט צו פערצייכענען.

קורץ, מיר קומען צום בעשלוס, אַז דער „טאָז“ מיט זיין איינאָרדנען די קאָלאָניעס, איבערהויפּט אין די פערחושכ'טע אָרימע יודישע שטעדטלעך, גיט נישט די יודישע קינדער בלויז עסען און לופט, נאָר דער „טאָז“ טהוט אויך א הייליגע אַרבייט, ער צואַקערט דעם זומפּ, וועלכער הערשט דאָרט און פיהרט פון חושך לאור, ער גיט די קינדער אַריין א נייע נשמה, ער עפענט זיי די אויגען און ער גיט זיי וועגען וואָס צו טראַכטען.

די עלטערן מיינען, אַז זייערע יונגלעך וועלען אויף דער קאָלאָניע טראַכטען וועגען מיידלעך, דערווייל טראַכטען זיי גאָר וועגען עפּיס אַנדערש. זיי טראַכטען, ווי פינסטער זיי איז אין זייערע היימען און ווי גוט ס'איז אויף דער קאָלאָניע. אָט וועגען וואָס זיי טראַכטען...

צי וועט דאס שוין זיין לערן-געלד?

נאָך פאַר פּסח האָבען מיר אויפמערקזאַם געמאַכט די יודישע לעטניקעס פון בלאַכאָווניע, אַז זיי זאָלען נישט דינגען קיין דירות, אויב מען וועט זיי נישט גאַראַנטירען פולשטענדיגע זיכערהייט. זיי האָבען אָבער נישט געלעגט קיין אַכט דערויף און אַריבערגעפיהרט קיין בלאַכאָווניע טויזענדער זלאָטעס.

אַרויסגעוויזען האט זיך, אַז מיר זענען גערעכט. די ערשטע צייט ביז מען האט אַרויסגעגאַרט די לעטניקעס, איז געווען רוהיג, נאָר ווען ס'האט זיך אָנגעהויבען צו דערנעהנטערען צום שלוס, האט מען אָנגעהויבען א ווילד געיעג אויף די לעטניקעס.

מעהרערע צושלאָגענע און צושטאָכענע יודען זענען געפאַלען קרבנות פון דער בלאַכאָווניער לעטניסקע. צי וועט דאס אָבער שוין זיין לערן-געלד? צי וועלען אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען ווייטער נישט האָבען קיין בושה, קיין עהרען-געפיהל, נאָר זיי וועלען ווייטער שטיפען דאס געלד אַזעלכע וועלכע שלאָגען זיי.

צי וועט מען נישט האָבען אויף אזוי פיעל ווירדע און בעשליסען ביי זיך, כאָטש איין יאהר, נישט צו פאָהרען קיין בלאַכאָווניע? צי וועלען די היי-יאָהריגע געשעהענישען נישט דינען אַלס לערן-געלד?...

לערנט אייך

יעדעס יאהר, ווען ס'האָבען זיך געענדיגט די זומער-פעריען און די שילער זענען צוריקגעגאַנגען אין דער שולע אַריין, האָבען מיר, די יודישע קינדער, אָנגעוויגשען און זיי געמונטערט, אַז זיי זאָלען זיך גוט לערנען, ווייל וויסען—האָבען מיר זיי דערצעהלט א מעשה—איז זעהר נויטיג פאַר יעדען מענשען, איבערהויפּט פאַר א יודען, וועלכען ס'קומט אָן זעהר שווער זיין לעבען א דאַנק דאס ביסעלע וויסען, וואָס בעהערשט זיין מח, קאָן ער זיך אָדורכשלאָגען א וועג אין לעבען. היי-יאהר איז דאס אָבער אָביסעל אַנדערש.

אוודאי דאַרף מען קענען, דאַרף מען זיין געבילדעט, אָבער נישט וועגען דעם איז די רייד, כאָטש צוריק געשמועסט נוצען היינט די מענשען אויס די בילדונג, כדי וואָס שנעלער און בעסער יענעם דעם טויט צו מאַכען, דאַגעגען די, וועלכע האָבען נישט אזוי פיעל בילדונג, ווי למשל דער פויער און אַרבייטער זענען אָרענטליכער און מענשליכער, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יודישען קינד מוז מען איהם זאָגען: לערן, ווייל בילדונג, וויסען, איז דאס איינציגע געוועהר, וואָס איז אזוי נויטיג די קינדער פון דעם געפּלאָגטען פאָלק. די פראַגע איז אָבער וואָס טהוט מען מיט דער בילדונג? כ'מיין, וואָס פאַר א פּראַקטישען נוצען קאָן א יודיש קינד האָבען פון דער בילדונג, אינדערצייט, ווען אַלע וועגען ווערען פאַר איהם פערשלאָסען.

אוודאי דאַרף מען זיך בילדען—זאָגען מיר—טראָץ דעם, וואָס אין דער יודישער מחנה קלאָגט מען, אַז פון דער בילדונג וועט סיי ווי סיי קיין תכלית נישט זיין. מיר האַלטען, אַז וואָס פאַר א צוקונפט עס זאָל אונז

„שכן". איינינע וואכען זענען אריבער און די ערשטע שווארצע קראהען האבען זיך בעוויזען איבער די הימלען פון ארבייטסזאמען מאריבאד. מען פרעדיגט נאציזם גאנץ אפען, עס איז דא „כמעט עסטרייך" און מען העצט געגען יודען.

אין די לעצטע טעג פון יולי איז שוין די לאגע געווארען א געפעהרליכע: די נאצי העצע האט אנגענומען דראהענדע פארמען, בפרט פערשטעהט זיך געגען די יודען: יודישע פאבריקאנטען, יודישע סוחרים, וויניקע יודישע ארבייטער — ס'איז דא געווען א „ריכטיגער גרונט" צו פיהרען אנ'אמתע פאגראם-העצע געגען די יודען. עס האבען זיך אפילו געהערט די בעקאנטע שלאג-ווערטער: מאריבאד איז א טייל פון עסטרייך, זי וועט האבען דעם גורל פון וויען. נאך דער טשעכאסלאוואקיי וועט קומען די רייה אויף מאריבאד און דאן וועלען מיר וויזען די יודען אונזער פויסט.

אין אזא אטמאספערע איז קיין וואונדער נישט, וואס די וויניגע יודישע פאמיליעס פון דער גרעניץ-שטאדט מאריבאד האבען בעשלאסען צו מאכען א דרייסטען שריט:

זיי וואנדערען אויס פון מאריבאד, עס איז דאך אויף דער גרעניץ מיט נאצי-לאנד. מען דראהט זיי דאך מיט אלע מכות מצרים — אהן קיין זינד פון זייער זייט.

און מען האט בעשלאסען: די גרויסע פאבריקען ווערען אריבערגעטראגען אין טיעף יוגאסלאוויען. קיין באסניען, אממייסטען אין דער בעקאנטער שטאדט סאראיעווא. די מלוכה וועט דערפון נישט ליידען, די ארבייט וועט געהן ווייטער, כאטש מיט אנדערע ארבייטער אפשר, מען וועט אבער זיין ווייט פון דער נאצי-עפידעמיע...

דער גאנץ-לאגישער בעשלוס פון די יודישע פאבריקאנטען אין מאריבאד איז גלייך געווארען די סענסאציע פון גאנץ יוגאסלאוויען. ס'האבען זיך בעוויזען צענדלינער ארטיקלען אין דער פרעסע, דעלאראציעס, אויפקלערונגען — מאריבאד, די אזוי-שווער אויפגעבויטע און איצט אזוי בליהענדע אינדוסטריע-שטאדט האלט ביים אונטערגאנג!

קיינעם פון די יודישע פאבריקאנטען האט מען נישט געקענט זאגען, לויט'ן געזעץ, אז זיי זאלען בייטען זייער בעשלוס און ווייטער לעבען און רוהיג ארבייטען אונטער... די דראהונגען און שמוציגע זידלערייען פון די נאצי-אגענטען, אונטער די בייזע פנים'ער פון ס. א. לייט, וועלכע מען זעהט הינטער מאריבאד, אויף דער גרעניץ. א רחמנות איז איבערהויפט אויף די טויזענדער ארבייטער, וועלכע בעטען זיך גאר איין זאך: די יודען זאלען חלילה נישט אוועקגעהן...

אבער ס'האט נישט געהאלפען. איינינע גרויסע יודישע פאבריקאנטען פון מאריבאד האבען זיך שוין איבערגעטראגען קיין סאראיעווא, טויזענדער ארבייטער זענען געבליבען אהן ברויט און ס'וועט לאנג נישט דויערען, ביז די אנדערע יודישע פאמיליעס וועלען אויך אוועק פון מאריבאד — פעהרען נאך אין יוגאסלאוויען! גענוג ארט, וואו מען קען פריי און אהן מורא אטעמען גאטס לופט.

דאס כאראקטעריסטישע דערביי איז, וואס אפילו די אנטיסעמיטען די היימישע האבען זיך אויך דערשראקען. עס רעדט שוין וועגען א קאטאסטראפע פאר דער גאנצער שטאדט מאריבאד נישט קיין אנדערע, ווי די אנטיסעמיטישע צייטונג „סלאווענאץ" דער פערזענליכער אייגען פון דעם נישט יודען פריינדליכען יוגאסלאווישען אינערן-מיניסטער ד"ר אנטאן קאראשעץ. ס'מוז גלייך אנגענומען ווערען אלע מעגליכע מיטלען — שרייבט דאס בלאט — אז די יודישע טעקסטיל אינדוסטריעלער זאלען חלילה נישט אוועקגעהן פון מאריבאד, ווייל די שטאדט וואלט דערפון אינגאנצען רואינירט געווארען...

אין דעם זעלבן זין שרייבן כמעט אלע אנדערע יוגאסלאווישע צייטונגען און די מורא פאר דער צוקונפט פון איינער פון די שענסטע און רייכסטע שטעדט פונ'ם לאנד פיהלט זיך אין אלע אפיציעלע און ווירטשאפטליך-פאליטישע קרייזען.

ווען די דאזיגע שורות ווערען געשריבען, דערוויסט מען זיך, אז א ספעציעלע רעגירונגס קאמיסיע פאהרט ארויס די טעג קיין מאריבאד כדי אויסצופארשען די לאגע און בעאיינפלוסען די יודען, אז זיי זאלען פון דער שטאדט נישט ארויסגעהן, כאטש דער עקזאדוס קיין סאראיעווא האט זיך שוין אנגעהויבען.

זעהט דערוויל גאנץ יוגאסלאוויען, ווי עהרליך און טרייענדליך און נוצליך עס זענען די „געפיהלען פון בעפריינדעטען דייטשלאנד" צו די לעבענס-אינטערעסען פון דעם גרויסען באלקאנישען לאנד, וועלכעס שלעפט זיך פארט ווייטער אויפ'ן וועג רוים בערלין, כאטש לעצטענס אין א מעסיגען טעמפא און מיט א בענייטען בליק קיין לאנדאן און פאריז.

ש. י—ט.

י. מ. ווייסענבערג

חיים אהרן *)

איינמאל, שבת בייטאג האט ער זיך אויפגעכאפט פון שלאף און אריבערגעקוקט צו איהר אין בעט געגענאיבער.

שוין א צייט, ווי דער דורשט מאטערט איהם אין שלאף, נאר ער האט זיך אלץ נישט געקאנט אויפכאפען און אצינד, אריבערקוקענדיג צו איהר, דוכט זיך איהם, אז זי רודערט זיך אין שלאף.

— חנה רויזע!—פרעגט ער.

זי הייבט אויף דאס קעפעל.

— אוי—זאגט ער—איך ווייס נישט, צי נאר מיך אליין דורשט אזוי...

דערויף קריגט ער קיין ענטפער נישט און ער בלייבט ליגען צוריק רוהיג. ער קלערט נאר ווי אזוי אראבצוגעהן אויף דער פאדלאגע בארוויס.

— וואס האסטו געוואלט?—פרעגט זי דאך אין א ווייל'ע ארום.

— כ'ווייס נישט—זאגט ער—פארוואס מיך דורשט יא...

חנה רויזע האט זיך אויפגעזעצט מיט'ן רויטען ארומגעבונדענעם פאטשיילכעל ארום קאפ, דערנאך האט זי געקנאקט די פינגער, און צום סוף, אראב פאוואליע צום וואסער-קענדעל, וואס איז געשטאנען ביי דער טהיר.

אבער אויף צו להכעיס:

דאס קענדעלע איז טרוקען...

חיים אהרן האט געשפירט ווי עפעס רייסט זיך איהם אב אין הארץ, אבער ער האט געשוויגען.

— נו, וואס טהוט מען ערשט האז?...

האט זי געפרעגט. ער האט אנגעשטעלט א נעבעך פנים'ל ווי איינער, וואס פאר אויסגעטריקענטקייט פון גומען האט ער שוין נישט קיין כוח...

זי האט אבגעזיפצט, ארויפגעצויגען אויף זיך די ספודניצע, דערנאך דעם מאנס שטיוועל, ארומגעבינדען די פאטשיילע ארום די אקסלען און ארויס מיט'ן קענדעלע פון שטוב.

איצטער איז געווען שטיל.

א גריל האט געשפילט אונטער'ן אויווען און חיים אהרן איז געלעגען מיט א שיטער אויפגעשפיצט בערדעלע צום בעלעק ארויף, און ס'האט זיך געדיכט, אז ער הערט זיך איין...

„נאך אין דער פריה האט ער געזעהן א ווייסליכען ווילגאטש אויף די דעכער... צאפענדלעך אייז האבען אונטער די שינדלען אויסגעזעהן, ווי טונקעל... טא פארוואסושע איז אצינד דער פראסט נאך אזוי שטארק?..."

„ער וואלט געוועזען א בעלן צו זעהן, ווי אזוי דער הימעל זעהט אויס, וואלט ער שוין געוואוסט וועגן דער „פאגאדע"..."

נאר אט, כאפט זיך אויף דאס רוישען פון נאקעטע צווייגלעך אונטער'ן פענסטערל, פון א ביימעל וואס שטעהט דארט. און חיים אהרן דערפיהלט ווי א שוידער אין די ביינער, און ער קורטשעט זיך, טוליענדיג אונטער'ן איבערבעט.

אין דעם פערשטעלט עמיצער דאס פענסטערל... א יורענע מיט א פאטשיילע אויפ'ן קאפ האט זיך אינגאנצען אריינגעלייגט דערינען.

— חיים אהרן. הנה רויזע איז אריין אין דער ברונעם!

— אריינגעפאלען?... — האט ער זיך דערשראקען געגעבען א זעץ-אויף.

אבער עס איז שוין נישט געווען צו וועמען צו רעדען...

אין פלוג, איז ער אראב צוטומעלט, נאר באלד האט ער זיך דערמאהנט, אז ער האט נישט די שטיוועל... זי האט זי אנגעטהון.

נאך ערגער, וואס ער האט די יודענע נישט געדווינזשעט צו פרעגען וואו עס האלט?...

— צי ציהט מען זי שוין ארויס?...

אבער חנה רויזעס פאל איז געווען א צו שווערער.

צו פיעל גליטשיג זענען געווען דעם מאנ'ס געקאוועטע שטיוועל אויף דעם אנגעפרוירענעם אייז ארום דעם ברונעם...

צופיל האסטיג האט זי זיך געגעבען א בייג, אזוי אז די קליטשקע האט זיך איהר ארויסגעריסען פון די הענד און זי איז געפאלען ווי א בארנע פון בוים אראב...

געמאכט נאך א צוויי קאזשעלקעס אין דער לופט, איידער זי האט שוין דאס וואסער דערגרייכט.

א מערכה, דער רוקען פון דער קליטשקע האט צעוויגט מיט אזא געשריי איבער דעם שטעהענדיגען קלאך, אז דורך די פענסטער פון די נאהנטע שכנים האט מען דערקענט, אז דא איז עפיס געשעהן אנ'אומגליק...

ווען, אז מען האט ארויסגעקוקט, האט מען געזעהן ווי די קליטשקע מיט'ן רוקען זענען צושטורעמט ווי נאר וואס זיך ארויסגעריסען פון עמיצענס האנד, אבער דעם עמיצען זעהט מען נישט...

ווען נישט דאס, וואס ס'האט געגעבען דעם חשר וואלט מען גארנישט געוואוסט אויך, אז זי איז אריינגעפאלען...

נאר איצט האבען זיך שוין מענשען צוגעלאזט דארט אהין און דערזעהען, וואס דא טהוט זיך...

שוין לאנג ווי מען האט די בעלי-בתים פון גאס געווארענט פאר אנ'אומגליק. מען האט זיי געהייסען אויסהאקען דאס אייז ארום דעם ברונעם, אז עס זאל נישט זיין אזוי הויך גלייך צום ראנד...

שוין לאנג האט מען זיי דאס געזאגט... איצטער נא: האבען זיי!..

פריהער האט זיך יעדער ארויסגעדרייט מיט א תירוץ:

דעם איז די האק טעמפ.

דעם-דער רידעל אויסגעשטשערביעט...

— ווער איז עס?! — האבען זיך יודען מיט די פנים'ער איבער דער טיעפקייט פון דעם ברונעם אריינגעבויגען און אראב געפרעגט.

נאר פון אינעווייניג האט זיך געהערט א פערזעמפטען פישטשען און ווי פון א שוואך פייגעלע...

— א מענש!..—האבען אלע בעשלאסען-נאר, ווי נעמט מען דעם בעדנער פון עק געסעל מיט זיין לאנגען באסיק?...

דערווייל האט מען איהר אראבגעלאזט די קליטשקע; אפשר וועט זי אנכאפען...

אבער פון דער טיעף האט מען נאר געזעהן א קליין פערזעהעניש... מיט א ווייבעריש קליין פנים'על און ארויסגעריסענע אויגען אין דער הויך...

פלוצלינג, גיט א קום אן דער גוי מיט'ן באסיק:-

— „צא סטאיטשע, זשידזשי!.."—האט ער געגעבען א געם ארום דעם עולם מיט א פינקעלדיגען בליק...

— געוואלד, געוואלד העלפט ראטעווען...—האט איין יוד אנגעהויבען אונטער'צושטופען דעם אנדערן.

— צי איהר וועט מיר נישט אוועקגעהן פון דאנען? — האט דער גוי אויסגעשריגען נאכאמאל.

פלוצלינג! ער האט זי און ציהט זי...

דער באסיק געהט שווער, און דער גוי מיט ביידע הענד דריקט איהם צו דער אויסגעשטעלטער בריסט, מיט אנ'אנגעשטרענגטען קאפ צווישען די אקסלען...

אט, איז זי שוין אין דער הויך...

יודען הייבען אן צו פלאטערן מיט די אויגען. עס ווערט א געשטרעקערי פון הענד איבער הענד, הענד איבער הענד... הענד איבער הענד... די ווייבער האלטען שוין דעם אטעם איין...

פלוצלינג! עס גיט זיך א ריס אב! דער באסיק גיט א פאל צוריק אונטערווייעלעכץ...

— „ניעך וואם ווישיסקיך, זשידזשי כאלערא ווירזשי!"...

דער גוי ענטלויפט צוריק מיט'ן באסיק און חנה רויזע צוריק אין דעם ברונעם...

וואס איז געווען דער סוף?

חיים אהרן אהן שטיוועל האט זיך געלייגט צוריק אין בעט און געווארט, אז די שטאדט זאל איהם אהיימברענגען דאס ווייב און די שטאדט איז געלאפען זוכען אנ'אנדערן גוי, וואס זאל ארויסנעמען זי פון דעם ברונעם...

*) די ערצעהלונג „חיים אהרן", וועלכע מיר נעמען ארויס פון י. מ. ווייסענבערגס געזאמעלטע שריפטען געהער צו די פערל פון ווייסענבערג'ס ליטעראַרישער ירושה. דער געזונדער רעאליזם, וואס קומט צום אויסדרוק דורך ווייסענבערג'ס קינסטלערישע קראפט, כאראקטעריזירט אמבעסטען די אייגענארטיגקייט פון ווייסענבערג'ס פאזיציע אין דער יודישער ליטעראטור, א פאזיציע א חשוב'ע און ביז גאר וויכטיגע אויפ'ן פראנט פון פון יודיש ליטערארישען שאפען.

נישט ערווארטען, מוז אונזער יוגענד בעזיצען א געוויסע דאזע בילדונג, ווייל וואס מעהר אונזער יוגענד וועט זיין געבילדעט, אלץ שווערער וועט זיי זיין אראבצושוועכען פון האריזאנט.

דערביי זאגען מיר אבער, אז מען דארף לייגען אכט אויף פראקטישע ציעלען, דהיינו דער יונגער יודישער דור מוז זיך אויסלערנען א פאך, וואס זאל זיין פערבינדען מיט בילדונג, איז דעריבער: הויבט אויף די קעפ, יודישע שול-יוגענד, לערנט זיך, ווייל די צוקונפט איז דערווייל פערהוילען, מיר ווייסען נישט, ווי עס וועט זיך אויסשטאלטען דאס לעבען אין דער נאהנטסטער צוקונפט. קודם כל אבער דארפט איהר טהון דאס אייעריגע, לייגט צו אייערע קעפ, לערנט אייך אויס די תורה און דאן וועלען מיר זעהן, וואס ווייטער וועט זיין.

טראץ דער פעסימיסטישער שטימונג, וואס הערשט אין דער יודישער גאס בנוגע דער בילדונג פאר יודישע קינדער זאגען מיר: לערנט אייך, צוטראץ אונזערע שונאים.

עוד לא אבדה...

איינע פון די פעסטע און גוט-פראספערירענדע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאדט, איז דער „אחיעזר", וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט פונקטליכקייט און דיסציפלין. יעדער, וועלכער האט געהאט די זכיה צו געהערען צו דער אינסטיטוציע, האט זיך געהאלטען פאר א יחסן, איבערהויפט זענען געווען פון דער אינסטיטוציע צופרידען די פרויען, וועמענס מענער ס'האבען זיך בעצייטענס פערשריבען אלס מיטגלידער. מאכט זיך א מעשה און מיטאמאל איז אלץ קאליע געווארען, אזוי, אז דער „אחיעזר" איז איצט בעדראהט אין זיין עגזיסטענץ.

שולדיג איז נישט די פערוואלטונג, כאטש נישט מיט אלעם, וואס זי טהוט, קען מען זיין אויף הונדערט פראצענט צופרידען, דאך אבער מוז מען אנערקענען, אז די „אחיעזר"-פערוואלטונג האט געהאט די בעסטע כונות און אין דער הינזיכט פון ארדנונג, איז זי געווען א מוסטער פאר אנדערע אינסטיטוציעס, האט זיך אבער, מעשה שטן, אריינגעמישט די אומזיכטס-מאכט; וועלכע האט איינגעזעהען אין דער טעטיגקייט פון „אחיעזר", איבערהויפט אין דעם ענין פון אויסצאהלען דער פאמיליע פון פערשטארבענעם, א געוויסע סומע, א קאנקורענץ פאר די פעריזיכערונגס-געזעלשאפטען און געהייסען ליקווידירען אט די דאזיגע אבטיילונג.

די דאזיגע פעראָרדנונג מאכט צונישט די גאנצע עגזיסטענץ-בערעכטיגונג פון דער אינסטיטוציע, דאס איז אזוי, ווי מען וואלט צוגענומען די נשמה פון גוף.

די פערוואלטונגס-מיטגלידער האבען אנגעוואנדען אלע מיטלען, כדי די גזירה אבצושרייען, דערווייל אבער האט עס זיך נישט איינגעגעבען. האט מען גערופען אנ'אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג אין וועלכער מען האט די מיטגלידער מודיע געווען וועגן דער דאזיגער גזירה און פערלאנגט פון זיי אנ'עצה.

ס'פערשטעהט זיך, אז אויף די מיטגלידער האט די ידיעה געמאכט א שרעקליכען איינדרוק, נאר פונדעסטוועגען, האבען זיי נישט פערלוירען דעם מוט און בהסכם כולם איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז די פערוואלטונג זאל נאך קעמפען פאר איהרע רעכט און מען האט די פערוואלטונג בעפולמעכטיגט אפצווענדען אלע לעגאלע מיטלען אבצושרייען די גזירה.

אלזא „אחיעזר"-מיטגלידער, נישט געזארגט, עס איז נאך נישט אלץ פערשפילט—עוד לא אבדה...

קומט בעוואונדערען

אין דער שווערסטער סיטואציע פאר יודען, איז, א דאנק דער ענערגישער בעמיהונג פון דירעקטאר פון דער האנדווערקער-שולע ה' אינזש. פשיסוסקער און א רייהע כלל-טהוער, אויפגעבויט געווארען א נייע געביידע ביי דער שולע.

וואס פאר א וויכטיגע בעדייטונג דאס האט פאר דער יודישער יוגענד, איז איבעריג צו דערצעהלען. עס איז א ווארשטאט, וואו עס ווערט אויסגעשמידט אונזער צוקונפט.

דערביי מוז געמאכט ווערען א קאמפלימענט א בעדייטענדען טייל פון דער יודישער געזעלשאפט אין אונזער שטאדט, וועלכע האט זיך גערן בעשטייערט אויף דעם צוועק.

איצט שטעהט שוין די נייע געביידע אונטער'ן דאך און מען דארף זי נאר אויספערטיגען, און עס איז צו האפען, אז די יעניגע, וועלכע האבען זיך נאך נישט בעשטייערט אויף דעם צוועק וועלען דאס טהון, כדי אויסצופערטיגען דעם הערליכען און אזוי וויכטיגען בנין.

אויך די ארבייטס צימערען פאר דער קאנצעלאריע זענען רעמאנטירט געווארען און מאכען איצט אנ'ערשט-קלאסיגען אייראפעאישען איינדרוק.

מיט איין ווארט, די האנדווערקער-שולע ווערט וואס אמאל, א דאנק זיין טיכטיגען און ענערגישען דירעקטאר, א וויכטיגער פאקט אין אונזער יודישען לעבען און די אלע, וועלכע האבען א זין פאר אזא אינסטיטוציע דארף מען זאגען: קומט בעוואונדערען.

„עמך" פרעהט זיך מיט דער תורה

לא אלמן ישראל, טראץ די אלע צרות און פיינונגען האלטען זיך יודען ביי דער תורה און די אלטע תורה בעניינען זיי, אנשרייבענדיג ספרי-תורות.

און נישט נאר רייכע פערמעגליכע יודען, נאר דוקא ארימע יודען, בעלי-מלאכות, וועלכע ארבייטען שווער און ביטער אויף זייער שטיקעל ברויט פערגינען זיך פונדעסטוועגען צו מאכען א חינוך הספר-תורה.

אויף אגראדאווע גאס 6 איז פערהאנען א מנין „אהבת-אחים". שוין דער נאמען קלינגט פרעמד פאר אונזערע שונאים, וועלכע בויען דאס לעבען אויף שנאה, נישט אויף אהבה. איז דארט אויך פערהאנען א גמילת-חסד קאסע, וואס בארגט ארויס הלואות פאר ארימע קליינהענדלער און האנדווערקער. די פערוואלטונג בעשטעהט אויך פון קליינהענדלער און בעלי-מלאכות, דער פרעזעס איז א שוסטער, האבען זיי בעשלאסען צו שרייבען א ספר-תורה פאר'ן אייגענעם מנין.

די וואך זונטאג איז פארגעקומען דער חינוך, האבען די פראסטע פערארעמטע יודען זיך שטארק משמח געווען, זיי האבען פון זיך אראבגעווארפען דאס וואכעדיגקייט און אויפגעצויגען אויף זיך די נשמה יתירה. זיי האבען זיך געפרעהט, מיט דער אמת'ער שמחה, וואס שפרודעלט ארויס פון טיעפענישען פון הארצען.

קוקענדיג אויף די יודען און זעהענדיג, זייער אמת'ע התלהבות ווערט מען אויך מיטגעריסען. עס איז א נחת צו זעהן, ווי אויף די פערהארעוועטע פנים'ער פון טאג-טעגליכע דאגות, האט זיך בעוויזען א ליכטיגער שמייכעל, אזוי ווי די שכינה וואלט אויף זיי גערוהט.

א געזונד אויף די פראסטע פשוט'ע יודען, וועלכע זענען ערליך אין אלע זייערע מעשים. זיי, די „עמך" פרעהען זיך מיט'ן גאנצען הארצען מיט דער תורה.

לויתן

ברויט פאַר הונגעריגע

שבת ביי שבת טיילט דער „תּומכי-עניים" ברויט מיט חלות פאַר עטליכע הונדערט בכבוד'ע, הונגעריגע יודישע פאַמיליעס.

די דאָזיגע פּראָדוקטען נעמען די זאַמלער צונויף פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג יעדען שבת, אויסשרייענדיג דעם בעקאַנטען: „גוט שבת, יודעלעך!"

די צונויפגענומענע פּראָדוקטען סמייען אָבער נישט פאַר דער וואס אַמאָל אלץ מעהר הונגעריגער מאַסע, אַזוי, אַז די פערוואַלטונג פון „תּומכי-עניים" מוז צוקויפען יעדע וואָך א גרעסערען קוואַנטום געבעקס.

ערגער איז אָבער געווען אין די זומער חדשים, דאַמאָלט ווען א גרעסערע צאָהל פון די פערמעגליכערע יודען פאָהרט ארויס אויף זומער-וואוינונג און די טהירען זענען געשלאָסען, כאָטש דער אָרימאַן בלייבט אויפ'ן אָרט און זיין מאָגען פאָדערט עסען.

איצט אָבער, ווען דער עולם האט צוריקגעקעהרט פון די זומער-וואוינונגען, דאַרף מען קודם כּל געדענקען צו בענייען די נתינות פאַר די פּעטענטען פון „תּומכי עניים", כדי צו געבען די מעגליכקייט, אַז די גרויסע מאַסע הונגעריגע זאָל כאָטש אויף שבת בעקומען א שטיקעל ברויט.

די יום-טוב-אַקציע פון „בית-לחם"

די נויט אויף דער יודישער גאַס האט זיך צולייגט אין דער לענג און אין דער ברייט. הונדערטער פאַמיליעס הונגערען אין פשוט'ען זין פון וואָרט, עס פעהלט ממש אויס א שטיקעל ברויט אין שטוב.

דער „בית-לחם", וועמענס אויפגאַבע עס איז צו הילף צו קומען די דאָזיגע אומגליקליכע, אָרדענט איין א יום-טוב-אַקציע, כדי כאָטש אויף יום-טוב נישט צו לאָזען עטליכע הונדערט בכבוד'ע יודישע פאַמיליעס הונגערן.

די געהעריגע בריעף צו דער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט זענען שוין ארויסגעשיקט געוואָרען — דאַרף דעריבער זיין דער הייליגער חוב פון אלע יודען אין אונזער שטאָדט די דאָזיגע אַקציע אונטערצושטיצען מיט דער ברייטער האַנד, ווייל יעדער גראָשען, וואס ווערט געשענקט אויף דעם צוועק ראַטעוועט א יודישע פאַמיליע פון הונגער-נויט.

ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר אויפמערקזאַם מאכען, אַז נאָר אייניצעלנע יחידים ארבייטען ביי דער אַקציע פון „בית לחם" און עס וואָלט געווען זעהר געוואונשען, אַז עס זאָלען זיך שטעלען צו דער אַרבייט פון „בית לחם" נאָך א רייהע פרייוויליגע און מיטהעלפען אין דער גרויסער מצווה פון זאַמלען פּראָדוקטען און געלד פאַר זייערע אָרימע ברידער.

יודען! א גרויסע נויט הערשט אין דער יודישער גאַס, אייערע ברודער און שוועסטער הונגערען; העלפט זיי, גיט זיי א שטיקעל ברויט!

אלע דאַרפען און מוזען זיך בעטייליגען אין דער יום טוב אַקציע פון „בית-לחם"!

אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון „אחיעזר"

ווי בעוואוסט, האט די פערוואַלטונג פון „אחיעזר" בעקומען אַנ'אויפפאָדערונג פון פינאַנץ-מיניסטעריום צו ליקווידירען די אָבטיילונג, וואס זעהט פאָר לויט'ן סטאַטוט, אַז נאָכ'ן טויט פון א מיטגליד זאָל אויסגעצאָהלט ווערען דער פאַמיליע א געוויסע סומע געלד, ווייל דאס איז אין סתירה מיט'ן בעזעץ וועגען אַסעקוראַציע געזעלשאַפטען.

צוליעב דעם דאָזיגען האט די פערוואַלטונג צונויפגערופען אַנ'אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער, כדי זיי וועגען דעם צו אינפאָרמירען ווי אויך אַנצונעמען געוויסע שריט די גזירה בטל צו מאכען.

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין זאָל פון יודישען גימנאַזיום פאָרגעקומען די פערזאַמלונג.

איידער מען טרעט צו אויסצוועהלען א פּרעזיצער ווערט בעעהרט מיט אויפשטעהן דער אנדענקען פון מיטגרינדער פון „אחיעזר" דניאל דזיאַלאָוויטש, דערביי זאָגט ד"ר הירשבערג א פּאָר ריהרענדע ווערטער וועגען דעם נפטר.

אַלס פּרעזיצער ווערט געוועהלט דיר. פּרושיצקי, אַלס בייזיצענדע די ה"ה: פּרעזעס שטילער, יהודה ענגעל, ס. געווערצמאַן. אַלס סעקרעטאַרען די ה"ה: פראַנקענבערג און ליבעסקינד.

ד"ר הירשבערג בעלייכטעט די פערזאַמעלטע וועגען די שריט, וואס די פערוואַלטונג האט געטהון אין דער היניזיכט, כדי נישט צו דערלאָזען, אַז דער „אחיעזר" זאָל דערפון ליידען.

דער רעדנער דערצעלט וועגען א רייהע אינטערווענצען, וואס זענען פאָרגעקומען אין דער וואָיעוואָדזטווע און אין מיניסטעריום.

אין משך פון דער קורצער דיסקוסיע ווייזט זיך ארויס, אַז דאס פינאַנץ מיניסטעריום האט בדעה צו ליקווידירען א גאַנצע רייהע אַזעלכע געזעלשאַפטען אויפ'ן שטח פון דער פּוילישער רעפּובליק, צווישען זיי אויך א רייהע נישט-יודישע אינסטיטוציעס.

פּרעזעס שטילער טראָגט אריין פאָלגענדע רעזאָלוציע, וועלכע ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

„דעם 4 ווזשעשען 1938 י. האט די אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט פאַר געגענזייטיגער הילף „אחיעזר" אין טשענסטאָכאָוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן קוועסטיאָנירען די הילפס-טעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט דורכ'ן מלוכה'שען קאָנטראָל-פערזיכערונגס אַמט, איינשטימיג פעסטגעשטעלט: 1) אַז די אויסשליסליכע אינטענץ און ציעלען פון די גרינדער, ווי אויך פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, איז די כאַריטאַטיווע טעטיגקייט און נעמליך — דאס לינדערן די נויט פון די מיטגלידער און פון די פער'יתומ'טע פאַמיליעס פון די מיטגלידער. וואס ס'דרינגט ארויס פון בלויזען נאָמען פון דער געזעלשאַפט און פון די בעשלוסען פון סטאַטוס; 2) אַז הויפּטזעכליך דאס איינאָרדנען די לויה און ערטיילען די געלד-הילף דער פער'יתומ'טער פאַמיליע פון מיטגליד ווערט דורך די מיטגלידער בעטראַכט נישט אַלס רעזולטאַט פון דער פערזיכערונג, נאָר בלויז אַלס מיטליידס-אויסדרוק און ווילען אַרויסצוווייזען מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף אינ'ם אומגליק פון דער איבערגעבליבענער פאַמיליע.

אויפ'ן סמך פון די אויבענגערמאַנטע פּרינציפּען עמפפעהלט די אלגעמיינע פערזאַמלונג דער פערוואַלטונג:

א) אריינצוטראָגען אַנקלאַגעס אויף דער דעציזיע פון מלוכה'שען קאָנטראָל-פערזיכערונגס-אַמט צום העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל.

ב) פּראָיעקטירען און פאָרשטעלען דער געהעריגער מאַכט אַזאַלכע ענדערונגען אין סטאַטוס, וועלכע זאָלען איהם ערמעגליכען די ווייטערדיגע כאַריטאַטיווע טעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט.

„מירעלע אפרת" און „גליקל האַמעלן" — מיט אידאַ קאַמינסקאַ אין די הויפּט-ראָלען

כדי צו בעפרידיגען די אלע, וועלכע האבען צוליעב פערשידענע סיבות נישט געקענט זעהען די הערליכע פאָרשטעלונג פון „גליקל האַמעלן", קומט שבת 4 נאָכמיטאָג און זונטאָג אָוועָנד נאָכאַמאָל פאָר דער אויפטריט פון אידאַ קאַמינסקאַ אין דער דראַמע „גליקל האַמעלן", וואס וועט געבען די ברייטע קרייזען און אלע פּעופּעטיגטע די מעגליכקייט אָנטייל צו נעמען אין דעם טעאַטער-יום-טוב, וואס דער אַנסאַמבל האט אריינגעבראַכט אין יודישען טשענסטאָכאָוו.

שבת אָוועָנד ווערט געגעבען די בעריהמטע פּיעסע „מירעלע אפרת". אין דער פּיעסע האט זיך אויסגעצייכענט און בעריהמט געמאכט די אונשטערבליכע אסתּר רחל קאַמינסקאַ און אויך ביי דער טאָכטער אידאַ איז דאס א קרוין-ראָל, וואו זי בעווייזט זיך אין א וואונדערבאַרער אַרטיסטישער קרעאַציע.

ס'איז איבריג צוצוגעבען, אַז דער היגער יודישער טעאַטער-עולם וועט טאַקי אויסנוצען די געלעגענהייט און זי ווילען זעהען אין „מירעלע אפרת".

צוליעב דער גרויסער נאָכפראַגע, איז ווינשענסווערט זיך פריהער צו פערזעהען מיט בילעטען, וואס איז צו בעקומען היינט ביז פאַרנאַכט אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן, אלע 6 און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע.

פון ראַבינאַט

דער ראַבינאַט מאַכט אויפמערקזאַם, אַז אין דער לויפענדער וואָך האט פּאַסירט א פאַל, אַז א היגער בעל-בית האט געקויפט ביי בעריל נאַפּאַרטע (אינהאַבער פון א נישט כּשר'ער יאַטקע אויף רוג נאַדזשעטשנע-ספּאַדעק) א לעקער, אויף וועלכען ס'האט זיך געפונען א געפעלשטער חותם פון היגען ראַבינאַט.

עס ווערען דעריבער געוואָרענט די היגע יודען נישט צו קויפען כּשר פלייש אין דער דערמאַנטער יאַטקע און אָכט צו לייגען ביים קויפען פלייש א חוץ אויפ'ן חותם אויך אויף דער פלאָמבע.

גלייכצייטיג ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז דער עירוב איז געבראָכען געוואָרען אין אָרדנונג און עס קען געטראָגען ווערען שבת ביז צו די פּאַרקען.

א מאַטורזשיסט זוכט לעקציעס

ערטיילט גימנאַזיאַל-קאָרעפּעטיציע אונטעררי‌כטעט אויך העברעאיש און יודאאיסטיק

צו ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר ש.

שיעור נישט א אינטערנאַציאָנאַלער סכסוך צוליעב א... „ליליפּוט"-גאַלאַרעטקע

דער בעקאַנטער האָלץ סוחר סאַמועל מאַנדעלשטאַם איז געפאָהרען קיין דאַנציג. פאַר'ן אריינפאָהרען אין דער פריי-שטאָדט, איז אריינגעקומען אין קופּע א דאַנציגער אַקציז בעאַמטער, וועלכער איז צוגעטרעטען אַדורכצופיהרען א רעוויזיע אין סוחר'ס וואַליזעס, זוכענדיג מאָנאָפּאָל אַרטיקלען, אָדער צוקערוואַרג. אין איינער פון די וואַליזקעס האט דער בעאַמטער געפונען א גרעסערע צאָהל גאַלאַרעטקעס „פּיקס" פון דער פירמע „ליליפּוט", וועלכע ענטהאַלטען אין זיך, ווי בעקאַנט, א גרויסע דאָזע צוקער.

דער בעאַמטער האט דאַן מאַנדעלשטאַמען מיט כּעס ערקלערט, אַז ער ווערט פערהאַלטען און וועט האַרב בעשטראָפט ווערען פאַר אריינפיהרען קיין דאַנציג אַרטיקלען, וואס ענטהאַלטען אין זיך צוקער און אונטערליגען דעריבער אַנ'אַקציז-אָבצאָהל. דער סוחר האט מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען דעם בעאַמטען, ער זאָל נישט מאַכען דערפון קיין געברויך, ווייל ער איז לעצטענס שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען צוליעב א מאָגען-קראַנקהייט און די דאָקטוירים האבען איהם בעפוילען צו עסען די „ליליפּוט" גאַלאַרעטקע „פּיקס". לכתּחילה האט דער שטרענגער בעאַמטער נישט געוואָלט הערען וועגען דעם און דורכאויס געוואָלט דעם פּאַסאַזשיר פערהאַלטען. דער סוחר האט איהם אָבער ענדליך בעוויזען די רעצעפּט פון א בעקאַנטען וואַרשאַווער דאָקטאָר, וועלכער האט איהם פערשריבען הורכאויס צו עסען די דערמאַנטע גאַלאַרעטקע „פּיקס", וואס איז א ספּעציאַליטעט פון דער פירמע „ליליפּוט" און מ'בעקומט זי נישט אין דאַנציג. ערשט דאַן האט זיך דער בעאַמטער איבערצייגט, אַז דאס איז א געזונדפּראַגע און דעם סוחר אָבגעלאָזט.

מיט'ן שטראָם פון דער צייט

די כּסדר'דיגע ענטוויקלונג מוז ברענגען צו נייע רעזולטאַטען. נאָכקומענדיג דעם דראַנג האבען צוויי היגע בעסטע לאַנגיעהריגע אַרבייטער אין די ערשט-קלאַסיגע דאַמען-וואַרשטאַטען זיך געעפענט א אייגענעם וואַרשטאַט וואו עס ווערט געאַרבייט לויט די נייעסטע פּעך-קענטניש און מאָדעלען. די פּראַצאָווניע געפינט זיך אויף קאַטעדראַלנע נר. 8 און ווערט אָנגעפיהרט דורך די ה"ה ש. מלאָדינאָוו און ב. וואָלמאַן.

גליקל האַמעלן

(טעאַטער-נאָטיצען)

אויף דער פאָרשטעלונג פון „גליקל האַמעלן", זעהענדיג די אַקציע, וואס שפּילט זיך דאָרט אָב, האט מען זיך איבערצייגט, אַז דער היטלעריזם איז נישט קיין נייער אויפטהו, אַז דאס איז בלויז א רינגעלע אין דער קייט פון יודישע צרות א פאָרטזעצונג פון דער געשיכטע פון דייטשען אַנטיסעמיטיזם; א ווייטערדיגער, א שטייגעדער עטאַפּ פון דער דייטשער פּונקטליכקייט און סאַדיזם איבער די קעפּ פון די יודישע מאַסען.

שוין אין 17-טען יאהרהונדערט איז דער דייטשער אַנטיסעמיטיזם געווען ראַפינירט. נישט בלויז די געלע לאַטע אויף די פּלייצעס פון די יודען, וואס איז מעהר געווען א שאַנד-פלעק פאַר די שעפּער פון דעם „ווערק", ווי פאַר די טרעגער, נאָך אויך זייער לאָגיק, זייער אופן פון בעהאַנדלען די יודען, וועלכע האבען געדאַרפט געניסען פון בעזונדערער שוץ-אַלץ צוזאַמען איז געווען איין גרויסער וועה-געשריי פון די יודען אין דייטשלאַנד.

געטאָ, געלע לאַטע בעליידיגונגען, איבערפאַלען, פיזישע און מאָראַלישע אָנגריפען אויפ'ן יודישען פאָלק—זענען אין יענער תּקופה געווען איבעראַל, וואו עס האט נאָר געלעבט א יודישער קיבוץ. אָבער אין די אנדערע לענדער, ביי אנדערע פעלקער איז דער אַנטיסעמיטיזם פערשווינדען בהדרגה און אין דייטשלאַנד, ביי די דייטשע פעלקער האט ער זיך פערטיפט, בעפעסטיגט—ביז עס איז ארויסגעשפּרינגען דאס היינטיגע פערזאַהעניש.

איך פאָדער גערעכטיגקייט! — זאָגט מיט א שטילער, געדעמפּטער שטים, גליקל פאָן האַמעלן, צום בירגערמייסטער.

דער ריטערליכער, נאָבעלער בירגערמייסטער סטראָשעס, רעגט זיך אויף, פּאָכעט, צינדט זיך אָן פון כּעס, פּרובט מיט גוטען ווירקען, אַז די יודישקע זאָל צוריקציהען איהר בעשולדיגונג געגען אַנ'איידעלען, „אומשולדיגען" קריסט און אויב זי וועט דאס נישט גלייך טהון איז ער נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר די קאָנסעקווענצען, וואס קענען דערפון ארויסקומען פאַר דער גאַנצער עדה יודען; ס'איז דאָך נישט דערלאָזבאָר, אַז אין זיין שטאָדט זאָל אַזעלכעס פּאַסירען; וואס וועט די רעגירונג טראַכטען וועגען איהם; זיין רעפּוטאַציע שטעהט דאָך אין קאָן—דאס אַלץ ווירקט נישט אויף דער שטאָלצער יודישער פרוי. גליקל פאָן האַמעלן שטעהט ווי פערגליווערט אויף איין אָרט, מיט די פרומע, קלוגע אויגען געוואָנדען צום הימעל און האט אויף דעם איין ענטפער:

איך פאָדער גערעכטיגקייט!

אַז מען האט איהר מאַן, דעם יוד, פערנאַרט אין א ווײַן-שענק, בערויבט און דערמאָרדעט, פערשטעהט זי גאָרנישט, ווי אַזוי קען אנדערש זיין נישט צו פאָדערען קיין גערעכטיגקייט. נישט קיין נקמה וויל זי, די פּקחות'דיגע יודישע פרוי, נאָר בלויז—ג-ע-ר-ע-כ-ט-י-ג-ק-יי-ט!

אַלס געגענזאַץ, אַלס קאָנטראַסט צו דעם טיפּ פון דער וואונדערבאַרער שטאָלצער יודישער פרוי, ווייזט אונז דער מחבר אנדערע שאַטענדיגע געשטאַלטען, וועלכע אונטערשיידען זיך מיט גאָרנישט אָקעגען די היינטיגע קריכער, מה-יפות'ניקעס, פּויזער'ס און פּחדנים. ווי צוויי טראָפּען וואַסער זענען זיי ענהליך. מערקווירדיג, ווי דער דאָזיגער מין יודען האט זיך דאס גאָרנישט געענדערט במשך פון די איבער צוויי הונדערט יאהר.

דאַן ווי היינט—היינט ווי דאַן, רעדען זיי מיט דער זעלבער שפּראַך, דער זעלבער געדאַנקען-גאַנג, די זעלבע אויספיהרונגען: שאַ, שטיל, מאַכט נישט אָן קיין טומעל, ס'וועט דאָך סייווי שוין נישט העלפען, דער טויטער וועט דאָך שוין פון קבר נישט אויפשטיין, צו-וואס דער גערויש, אוודאי איז דער פריץ-לעבען גערעכט, ווי דען?

די וויזיעס פון דאַן לעבען פריש אויף אין אונזער געדעכעניש. אלץ איז אַזוי אַקטועל, ניי. דער עולם שלינגט יעדעס וואָרט, ער וואָלט וועלען נאָך און נאָך.

* * *

די גאָט געבענטשטע אידאַ קאַמינסקאַ שאַפט א פּרעכטיגען טיפּ פון גליקל האַמעלן. אין דריטען און פערטען אַקט דערהויבט זי זיך מיט איהר גענ‌יאַל שפּילען צו אַזא מדרגה, אַז די גאַנצע מאַסע צושויער ווערט פּשוט היפּנאָטיזירט. זעלטען צו זעהען אַזא מיסטישע איינהייט צווישען פּובליקום און אַרטיסט, ווי דאס איז געווען דער פאַל מיט אידאַ קאַמינסקאַ, ווען זי האט גערעדט. מען דאַרף זיין גאָר א גרויסער קינסטלער צו קענען אויסשמידען פון דער מאַסע איין שטיק, אַז אלץ זאָל מיט אָפענע מיילער און פערכאַפּטען אָטעם קוקען און הערען. אין די מינוטען פון איהר שפּילען געדענקט קיינער נישט, אַז ער געפינט זיך אין טעאַטער. אלץ ווערט ביי אידאַ קאַמינסקאַ געגעבען עכט, רעאַל, קיין איין פאַלשער טאָן, טיילמאָל דוכט זיך דיר, אַז א שטיק לעבען געהט פערביי, נאָר עס אָנצוכאַפּען מיט דער האַנד.

אָט דאס הייסט אמת'ע קונסט.

דער אינטעליגענטער אַרטיסט ה' דאַמב אין דער ראָל פון בירגערמייסטער, האט אונז געגעבען אַנ'אויסגעצייכענטע פיגור פון אַזעלכען. ער שפּילט פריי און פלייסיג און ווירקט אויפ'ן צושויער אוממיטעלבאַר.

דעם קלוגען, שטאָלצען יוד, דעם צעווייטאָגטען פון יסורים, דעם אייביג אָנגעכמורעטען, אויף וועמענס פּנים עס האט קיינמאָל, זייט דער פּאַסירונג מיט איהם, נישט בעוויזען זיך קיין שמייכעל, דער געוועזענער סוחר און שפּעטער משרת ביי גליקל האַמעלן, וועמען מען האט גערופען דער געשאָסענער יאַקוב — האט גוט אהערגעגעבען ה' קאַמאַי.

פרוי אלטבוים האט אין דער קליינער ראָל פון דער ווײַן-שענקערין געשפּילט פּאָרוואורפלאָז.

דאס מאַקסימום, וואס זי האט געקענט געבען פון דער ראָל אַלס געליבטע און אויסגעלאַסענע — האט געטהון פרוי גאָלדענבערג אסתּר.

אויך מעלמאַן אַלס ריקמערס און די איבריגע ווי נאָסאַן אידא, קורלענדער, גינצבערג, גאָלדזאַגער, מייזלער און אנדערע אַרטיסטען האבען צוגעהאָלפען צום ערפאָלג פון דער זאַך.

זאָל מיר דערלויבט זיין א קליינע בעמערקונג אויפ'ן חשבון פון די ה"ה קורלענדער און הערבסט, וועלכע האבען געשפּילט די צוויי יודען: ביי זייער ערשטען ערשיינען אויף דער ביהנע דרייען זיי זיך ספּעציעל אויס, כדי אונז צו ווייזען די געלע לאַטעס. דאס קען דאָך געשעהן נאַטירליך א ביסעל שפּעטער אין גאַנג פון רעדען, פון דער אַקציע. די דאָזיגע בעוועגונג האט א ביסעל שאַקירט.

די דעקאָראַציעס צום יעדען בילד, ווי אויך די שעהנע קאָסטיומען, האבען דער גאַנצקייט פון דער פּיעסע צוגעגעבען קאָלאָריט.

שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג האבען מיר אַזא גוטע פאָרשטעלונג נישט געזעהען.

מ. קויפמאַן.

וואָס מעהר מיטגלידער – אַלץ זיכערערע פערטיידיגונג

פון לעבען און פערמעגען אויפ'ן פאַל פון אַ לופט-מלחמה גרייט-צו די ליגע פאַר לופט - פערטיידיגונג.

שרייבט זיך איין אַלס מיטגלידער אין:

קליינהענדלער-פעראיין פון 9 ביז 2 און פון 6 ביז 9;
כותרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין פון 6.30 ביז 9 אָוועגד;
האַנדוועיקער פערבאַנד פון 9 ביז 1 און פון 7 ביז 10;
הויזווירטען-פעראיין פון 10 ביז 1 און פון 4 ביז 8.

צו דער יודישער עפענטליכקייט

אויפרוף פון י. מ. ווייסענבערג-קאָמיטעט

נאָכ'ן טויט פון גרויסען שריפטשטעלער האט זיך אין ווארשא געשאַפען א קאָמיטעט פון שרייבער, קולטור-טוער און די נאָהנטסטע פריינד פון פערשטאָרבענעם, כדי צו בעעהרען דעם אנדענק פון נפטר דורך: 1) שטעלען א מצבה אויף זיין קבר; 2) ארויסגעבען די פערבליבענע שריפטען; 3) שאַפען א פאָנד פאַר יונגע שרייבער.

די ירושה פון י. מ. ווייסענבערג בעשטעהט פון זיינע פערעפענטליכע ווערק, וואס א טייל פון זיי ווערען פעררעכענט צו די קלאַסישע שאַפונגען פון דער יודישער ליטעראַטור ווי אויך פון א גרויסער צאָהל מאַנוסקריפטען, וואס זענען ביז איצט נישט געווארען פערעפענטליכט. י. מ. ווייסענבערג האט ביי זיין לעבען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אליין ארויסגעגעבען זיינע שריפטען. עס דאַרף זיין די אַמביציע פון דער יודישער געזעלשאַפט וואס גיכער ארויסצוגעבען די איבערגעבליבענע ווערק פון י. מ. ווייסענבערג. דאס וועט זיין דער ווירדיגסטער אופן צו בעעהרען דעם אָנדענק פון פערשטאָרבענעם. דאס וועט אויך זיין א וויכטיגער צושטייער צו דער יודישער ליטעראַטור. דאס וועט איינצייטיג געבען א בעשיידענע עקזיסטענץ-מעגליכקייט פאַר דער פערבליבענער פאַמיליע.

י. מ. ווייסענבערג האט כל ימיו-געזאָרגט פאַר יונגע טאַלענטירטע שרייבער, און געהאָלפען זיי ביים ארויסגעבען זייערע ווערק. עס וועט געוויס זיין אין דעם גייסט פון פערשטאָרבענעם, אויב מיט זיין נאמען וועט פערבינדען ווערען א פאָנד אויף צו שטיצען יונגע שריפטשטעלער.

די התחלה איז שוין געמאכט געווארען. די אָנגעזעהנסטע יודישע קולטור-אינסטיטוציעס און די נאָהנטסטע פריינד פון י. מ. ווייסענבערג האָבען אין דעם טאג פון דער לוויה זיך בעשטייערט פאַר דעם י. מ. ווייסענבערג-פאָנד, איצט אַפעלירען מיר צו אלע יודישע קולטור-אינסטיטוציעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד, צו די פריינד פון י. מ. ווייסענבערג אין גאַר דער וועלט, צו אלע די, וועמען דאס יודישע וואָרט איז ליב און טייער, זיי זאָלען אונז העלפען אויפקלויבען אזא סומע געלד, וואס זאָל אונז ערמעגליכען צו פעראייביגען אויף א פאַסיגען אופן דעם אָנדענק פון י. מ. ווייסענבערג.

דער ווייסענבערג קאָמיטעט:

1) פעראיין פון יודישע ליטעראַטען און זשורנאַליסטען אין ווארשא,
2) יודישער פען קלוב אין ווארשא,
3) ווארשאווער זשורנאַליסטען סינדיקאַט (יודישע סעקציע),
4) געזעלשאַפט פריינד פון יוו"א ווארשא,
5) יודישער אַרטיסטען-פעראיין אין פוילען,
6) פעראיין פון יודישע קינסטלער-פלאַסטיקער אין פוילען,
7) געזעלשאַפט צו פערשפרייטען קונסט,
8) צענטראַלע יודישע שול-אָרגאַניזאַציע אין פוילען,
9) „קולטור ליגע" אין ווארשא,
10) יודישע מוזיק געזעלשאַפט אין ווארשא,
11) א גרופע פריינד פון י. מ. ווייסענבערג פון ווארשא, לאָדז, וולאָצלאַוועק און זשעלעכאָוו.

פ. ס. געלד דאַרף צוגעשיקט ווערען אויפ'ן אַדרעס פון באַנק-הויז מ. ד. שערעשאָווסקי אין ווארשא, פלאַץ אייזערנער טויער 1, פאַר „ווייסענבערג קאָמיטעט".

Dom Bankowy M. D. Szeroszewski, Warszawa, Pl. Żelaznej Bramy № 1.

די גאַנצע יודישע פרעסע אין לאַנד און אויסלאַנד ווערט געבעטען איבערצודריקען דעם דאָזיגען אויפרוף.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE
im. Zofii Wajnsztokówny
w Częstochowie, Aleja 20. Telefon 10-78.
przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich siedmiu klas.
Egzaminy systemem lekcyjnym
Zakres nauk judaistycznych znacznie rozszerzony.
Przedszkole, wzorowo urządzone, przyjmuje zapisy dzieci od lat 3-ch. W razie pogód—zajęcia w ogrodzie.
UWAGA: DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)
מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פּרייז 10 גר.
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישרייניגען און מאַסאַנירען קאַפּעלושן. די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Nowo-otworzona fabryka wyrobów aluminiowych
p. f. „Częstochowska Fabryka Wyrobów Aluminiowych „ALMET" sp. z o. o.
Przechodnia № 12, telefony: 16 69 i 13-94
poleca. nakrycia stołowe, łyżki, łyżeczki, widelce, noże oraz inne artykuły aluminiowe w wielu gatunkach.
Towar pierwszorzędnej jakości. Ceny najniższe.
Do P. T. fabrykantów!
Na żądanie wykonuje wszelkie odlewy aluminiowe.
Obsługa pierwszorzędna.

Niezrównana książka z przepisami Dra A. Oetkera p.t. „Dobra gospodyni piecze sama" jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych i księgarniach. Cena obniżona 30 groszy.


Pierwszorzędny Paryski
Zakład Krawiecki
„TRÈS-CHIC"
M. ROZENBLUM
N. Marii Panny 33. Tel. 11-87
poleca na sezon jesienno-zimowy najnowsze materjały krajowe i angielskie.

רעליגיעז-קולטורעלער צענטער ביי דער נייער שוהל אין טשענסטאכאָו

נאך די זומער פעריען איז די ביבליאָטעק ווידער טעטיג אין די געוועהנליכע שעה'ן: מאנטאג–דאָנערשטאג פון 7–10 אין אָוועגד; מוצאי שבת פון 8–10 אין אָוועגד און זונטאג פון 6–10 אוייגער אין אָוועגד.

דער לעזע-זאַל איז פערזעהען מיט צייטונגען און צייטשריפטען. די ביבליאָטעק איז בערייכערט געווארען מיט נייע ספרים. איינטריט פריי.

אין די נעכסטע וואָכען וועלען בעגייט ווערען די מסבות עונג שבת פאַר דערוואַקסענע ווי אויך ספּעציעלע פאַר דער יוגענד.

נדבות אין רעד. פאַר „תומכי עניים"

ה' וואָלף נאָוואַק 20 קילאָ ברויט.

ה' לייב לעדערמאַן און פרוי צום אָבפאָהרען פון זייער זוהן נאָך אויסטראַליען 10 קילאָ ברויט.

ה' אנשיל לעדערמאַן צו זיין אָבפאהרען נאָך אויסטראַליען 10 קילאָ ברויט.

ה' יצחק אופנער צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער מוטער 10 קילא ברויט.

ה' ב. באָטשאַן צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענע שוועסטער 10 קילאָ ברויט.

ה' מאיר פייגע צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה' יואב ווייצענבלאט צו דער חתונה פון זיין ברודער 5 קילאָ ברויט.

ה' לייב בייגעלע 3 קילאָ ברויט.

ה' דזיאַלאָשינסקי 50 גראָשען.

Kino „LUNA"
הייבט!
Deanna Durbin
אין דער פרעהליכער קאָמעדיע
PENSJONARKA
פרעהליך געזאַנג! רייצענד געלעכטער!
אין דער מענער-ראָל:
הערבערט מאַרשאַל
אויסערדעם א כאָר פון וויענער יונגלעך און דער האַרמאָניסטען - אַנסאַמבל פון קאָפּ באָר.

KINO „EDEN".
ציוישען קאַמפּס און פאַלענדע הייזער!
Przygoda w Szanghaju
אין די הויפּט-ראָלען:
דאָלאָרעס דעל ריאָ, חנע לאַנג, ושאַרוש סאַנדערס.